ביים שבת־ליכט בענטשן שעפּטשען אירע ליפּן — — —
ווער קאָן פאַרשטיין נאָך ס'ווײַן פון אירע ווערטער ?
פאַר גאָט ברוך־הוא טריפט וואַרט פאַר וואָרט איר כליפּן.

מיט יאָרן נאָך צוריק, אין דער תקופה ווען די יידישע ליטעראַטור איז געווען בתקופתה ווען רייזין, אַפּאַטאָשו, לייוויק, יעקב גלאַטשטיין האָבן נאָך געלעבט, איז געקומען אַ שליח־מיוחד אין שליחות פון די העברעאישע שרייבער אין ישראל קיין ניו־יאָרק צו די יידישע שרייבער דאָרט, אַז מ'זאָל מקריב זיין יידיש אויפן מזבח פון ישראל.

אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק איז מען נישט מקריב — אַ גאַנץ פאָלק ברענגט זיך אַ קרבן פאַר זיין ליטעראַטור: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו".

און די יסורים של אהבה ביז זי איז אַנטשטאַנען — דער מסירת־נפש! אַ מיליאָן יידישע קינדער־קדושים.

* * *

„אַ שטעקעלע אַריין, אַ שטעקעלע אַרויס", אַן פּאָליטיק ?
ווערט מען דאָך טאַקע שוין מעגן זאָגן: אַ פידלער אָן אַ סמיק.

* * *

דעם טרעגער פון נאָבעל־פּרייז פאַר שלום.
וואָסער אונטערשיד פון אַ יהודי ביז אַ ייד ?
דער חילוק פון אַ פּאַכאַלעק און אַ מעקלער !
אַ מעקלער : אַ טאַנצדיקער בער, אַ מאַשקע — —
פון אַ יידישן פּאַכאַלעק, וואָס שוין עקלער ?

אַ מעקלער שלעפּט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט,
און אַ סוכת־שלום ווערט אויפגעשטעלט;
אַ פּאַכאַלעק גראָבט זיך אונטער איר אונטער,
ביזגל ס'איינפאַלט ס'לעצטע ווענטל פון געצעלט.

אַלע סודות וואָס ביי אונז נאָר פאַראַנען,
טראָגט ער צו זיי סודותדיק אַריבער;
דאָס פרעמדע פאָלק, צומאָל גרעסטער שונא,
ווי דאָס אייגענע פאָלק אים אַ סך ליבער.

די פעלקער, מיט דער הילף פון אַזאַ עבד,
געבן אונז תמיד דעם לעצטן גנאָדן שטויס :
„ואהבת לרעך כמוך"—
בחור לו מיתה יפה"! און פאַרטיק און אויס.

אַ יידישער מעקלער האָט אַ יאַנדעס,
ערגער פון אַ גוי אַ יידישער פּאַכאַלעק !
אויף אַזאַ געזאָגט געוואָרן : „דער בעסטער,
קיילער־יונג איז אַ שותף פון עמלק.


# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

7-9 438-40 36'סטער יאַרגאַנג יולי־סעפּט. 1975 לאָנדאָן


אינהאַלט


תפילה, ווי מיין טאַטע מיר פאַרטייטשט דעם פּסוק א.א.וו. ........ *** 3
די גרויסע סוכה (דערציילונג) ........ אברהם רייזין 12
אַ חשבון הנפש ........ שמעון ווזעק 17
מיין תפילה פאַר 1936 א.א. ........ עלא זילבערג 17
מיין זיידע און זיין שטעטל ........ י. ח. בענקוויטש 19
חג הסכות זמן שמחתנו ........ יוסף וויינשטיין 21
נגב זאַמד, אין אַ שפּאַנישן דאָרף, חלום (דריי לידער) אברהם דוד 24
מיין וויזיט־קאַרטל אין ווייטשעפּל, ווען די קאַרן פעלדער צייטיקן ........ א. נ. שטענצל 2ס
אַ שאָטן טראָגט מיין קרוין (חסידס בוך לידער) ........ נ. מ. סידא 35
נעט רובין 75'סטער יובל ........ אייזיק גאָלדבערג 37
הבל (ליד) ........ עלזא־לאַסקער שילער 38
רחוב יפו (ליד) ........ לואיס סאודן 38
משה רבינו (בילד) ........ אלווא 40
שלום אויף דער וועלט (ליד) ........ דוד בערמאַן 41
דר. אהרן שטיינבערג ז"ל ........ יוסף פרענקעל 42
דר. אהרן שטיינבערג און דר. ראַטה (פּאָעמע) ........ 43
אַ שטעקעלע אַריין אַ שטעקעלע אַרויס ........ ש. 46
ערשטער אמת (ליד) מעינקע קאַץ (מוזיק) ........ מאיר באָגדאַנסקי 48


יידישע ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס 3 אַ זייגער באָמאַנט־קלוב באָמאַנט גראָוו, א.1. — מיר בעטן צו מערקן דעם נייעם אַדרעס.


רעדאַקטירט א' נ. שטענצל
פּרייז 15 פּענס

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה׳

די ברידער נאראדיצקי בר כוכבא און כרמל פון פערלאג „נאראד פרעס“ ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוי־שפילער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כוח״ט.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזינטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון׳

אונזער טאכטער, איידעם, אייניקלעך, ריטשמאנס משפחה און פריינט פון יידיש לשון און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה׳

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ“ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

דוד גרייווער ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א׳ נ. שטענצל ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן שוועסטער און ברידער, קינדער און איי־ניקלעך, פריינט און גאנצע משפחה כוח״ט.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

סיידי שעני, טורנער סטר. 10, א.1׳ ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

חיים האלדשטוק ווינשט א כתיבה וחתימה טובה זײַן משפחה און פריינט׳

ישראל שטיגלץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים. א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר.

לשנה טובה צו מיין טאכטער און איידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניק־לעך, בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פרוי און קינדער, מיין משפחה ראז און וויקטאר און פריינט. גוסטא גייפמאן׳

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

שנה טובה, כתיבה וחתימה טובה צו מיינע קינדער, אייניקלעך אוראייניקלעך, צו מיין משפחה, פריינט, חברים פון „לשון און לעבן“, מדינת ישראל, ולכל ישראל חיים נח בענקוויטש.

שלום און פאולא יאקובאוויטש ווינטשט זיין משפחה און אלע פריינט א גוט געזונט יאר. א יאר פון שלום׳

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און בא־קאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כוחשט׳

איך סעם גאלדבערג ווינש אלע אונזערע פריינט א גוט געזונט מזלדיק יאר.

## מזל - טוב

פאר מיין פלימעניק נחום שטענצעל און זיין פרוי צום געבויערן פון זייער צווייטן אייניקל יעקב אליעזר, און נאטירלעך די טאטע מאמע פונם פריש געבוירענעם מרים און רוי און די גאנצע משפחה בלום. — א. נ. שטענצעל׳

## לאנדאנער קולטור ידיעות

אין הלל־הויז ווערט אנגעפירט א כאר פון יי״דישע פאלקס־לידער פון מר. האל־טער, דער זון פון בארימטן חזן האלטער זכרונו לברכה.

° ° °

דר. אהרן שטיינבערג מספיד גע־ווען און געזאגט די תפילות האט דער געוועזענער טשיף ראביי סער דר. ישראל בראדי שליט״א.

לעצטע טעג זיינען דא געשטארבן דער שרייבער לייבל פעלדמאן פון דרום אפריקע און דער באקאנטער פועלי־ציון טוער יצחק יאזשערסקי׳

° ° °

ביי״ דער פערזאמלונג אין הלל־הויז לכבוד אבא אבן, דעם געוועזענעם אויסערן מיניס־טער פון ישראל, איז דער זאל געווען א פול געפאקטער.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור


7־9 | 438־40 | 36׳סטער יארגאנג | יולי־סעפט. 1975 | לאנדאן


## תפילה

וואס וואלט דער מענטש געווען אן תפילה,
אן האבן צו וועם צו בעטן ?
אין זיין גרעסטער פיין יעדער טוט עס,
און אין אומגליק, ווען ס׳געשעט׳ן.

צו וועם זיך ווענדן אין גרעסטער נויט,
ווען שוין כלו כל הקיצין ?
וואס געווארן פון מענטש אין זיין צער,
ווער קומען אים באשיצן ?

— איינער צווייטן נאר אויסציניצן,
דאס וואס וועמען ס׳טויג, דאס וויל ער;
די גרעסטע עוולות צוזען ער קאן
און בלייבן ער בלייבט א שטילער.—

נישטא גאר נישט, ס׳איז נאר אויסגעטראכט ?
ס׳גרעסטע דאס־א אויסצודענקען !
אן דעם אומגעקומען ס׳וואלט דער מענטש
אין ווייי, אין דענקן, אין בענקען.

וואס וואלט געווען דער מענטש אן תפילה,
אן דעם צו וועם זיך צו ווענדן,
אז דאס גלוסטן פון מענטשן רק איז,
איינס ס׳אנדערע צו פארלענדן ?

א, „תפילה לעני כי יעטוף“ — —
צי האט ער דען מער ווי ס׳בעטן ?
אין זיין צער ער פארמאכט די אייגן,
און ער איז דא, ער דערזעטן.

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן” ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה׳

די ברידער נאראדיצקי בר כוכבא און כרמל פון פערלאג „נאראד פרעס” ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפילער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כוח״ט.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזינטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון׳

אונזער טאכטער, איידעם, אייניקלעך, ריטשמאנס משפחה און פריינט פון יידיש לשון און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה׳

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ” ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

דוד גרייוועד ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א׳ נ. שטענצל ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן שוועסטער און ברידער, קינדער און אייניקלעך, פריינט און גאנצע משפחה כוח״ט.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

סיידי שעני, טורנער סטר. 10, א.1׳ ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

חיים האלדשטוק ווינשט א כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט׳

ישראל שטיגליץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים. א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר.

לשנה טובה צו מיין טאכטער און איידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניקלעך, בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פרוי און קינדער, מיין משפחה ראז און וויקטאר און פריינט. גוסטא גייפמאן׳

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

שנה טובה, כתיבה וחתימה טובה צו מיינע קינדער, אייניקלעך אוראייניקלעך, צו מיין משפחה, פריינט, חברים פון „לשון און לעבן”, מדינת ישראל, ולכל ישראל חיים נח בענקוויטש.

שלום און פאולא יאקובאוויטש ווינטשט זיין משפחה און אלע פריינט א גוט געזונט יאר. א יאר פון שלום׳

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און באקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כוחשט׳

איך סעם גאלדבערג ווינש אלע אונזערע פריינט א גוט געזונט מזלדיק יאר.

## מזל - טוב

פאר מיין פלימעניק נחום שטענצעל און זיין פרוי צום געבויערן פון זייער צווייטן אייניקל יעקב אליעזר, און נאטירלעך די טאטע מאמע פונם פריש געבוירענעם מרים און רוי און די גאנצע משפחה בלום. — א. נ. שטענצעל׳

## לאנדאנער קולטור ידיעות

אין הלל־הויז ווערט אנגעפירט א כאר פון ייִדישע פאלקס־לידער פון מר. האלטער, דער זון פון בארימטן חזן האלטער זכרונו לברכה.

° ° °

דר. אהרן שטיינבערג מספיד געווען און געזאגט די תפילות האט דער געוועזענער טשיף ראביי סער דר. ישראל בראדי שליט״א.

לעצטע טעג זיינען דא געשטארבן דער שרייבער לייבל פעלדמאן פון דרום אפריקע און דער באקאנטער פועלי־ציון טוער יצחק יאזשערסקי׳

° ° °

ביי־ דער פערזאמלונג אין הלל־הויז לכבוד אבא אבן, דעם געוועזענעם אויסערן מיניסטער פון ישראל, איז דער זאל געווען א פול געפאקטער.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

לאנדאן | יולי־סעפט. 1975 | 36׳סטער יארגאנג | 438־40 | 7־9

## תפילה

וואס וואלט דער מענטש געווען אן תפילה,
אן האבן צו וועם צו בעטן?
אין זיין גרעסטער פיין יעדער טוט עס,
און אין אומגליק, ווען ס׳געשעט׳ן.

צי וועם זיך ווענדן אין גרעסטער נויט,
ווען שוין כלו כל הקיצין?
וואס געווארן פון מענטש אין זיין צער,
ווער קומען אים באשיצן?

— איינער צווייטן נאר אויסצוניצן,
דאס וואס וועמען ס׳טויג, דאס וויל ער;
די גרעסטע עוולות צוזען ער קאן
און בלייבן ער בלייבט א שטילער.—

נישטא גאר נישט, ס׳איז נאר אויסגעטראכט?
ס׳גרעסטע דאס־א אויסצודענקען!
אן דעם אומגעקומען ס׳וואלט דער מענטש
אין ווי׳, אין דענקן, אין בענקען.

וואס וואלט געווען דער מענטש אן תפילה,
אן דעם צו וועם זיך צו ווענדן,
אז דאס גלוסטן פון מענטשן רק איז,
איינס ס׳אנדערע צו פארלענדן?

א, „תפילה לעני כי יעטוף” — —
צי האט ער דען מער ווי ס׳בעטן?
אין זיין צער ער פארמאכט די אויגן,
און ער איז דא, ער דערזעטן.

אז וואס וואלט דען דער מענטש געטון מיט
זיין כוח און חכמה אפילו,
אין זיין שוואכקייט ווען ר׳האט נישט פאר וועם,
ס׳הארץ אויסצוגיסן אין תפילה?

ווען ער דערזעט זיך אין זיין מיאוסקייט,
וואס וואלט פון אים דעמלט ווערן,
ווען זיין פנים נישט אפגעוואשן,
אין זיינע אייגענע טרערן?

אלע געצן שוין אויסגעדינט! און
וויפיל האלטן זיך אליין פאר געטער — — —
זע ווי דער שטארקער דעמב שטייט אצינד,
פארוויאנעט אין זיינע בלעטער —

מיט פארבראכענע הענט צום הימל,
שוידערט ער אויף אין זיין שווייגן;
מיט שרעק פליען די פייגל אוועק,
תפילהדיק פון זיינע צווייגן.

## ווי מיין טאטע מיר פארטייטשט דעם פסוק . . .

א

„אל תשליכנו לעת זקנה" — אלס קינד
ווען ס׳איז געקומען דער „שמע קולנו"־געשריי,
א נשתוממדיקער געשטאנען דעמלט,
נישט פארשטאנען וואס טוט זיך דא — אצינד כ׳פארשטיי!

טאטע דעמלט דעם טלית אויפגעהויבן,
מיין שרעק באנומען, געגעבן מיר צו פארשטיין:
„אלט איז גוט צו זיין, מיר בעטן נאר, מיין קינד,
„ג אט, ווארף אונז נישט פלוצלינג אין דער זקנה אריין".

ב

„אין שכחה לפני כסא כבודך"

ס׳האלט שוין מיט מיר אזוי ווייט,
צומאל מיין נאמען איך פארגעס — —
וואס געשען דעמלט"?. . . ר׳איז דאך
מלאך־דומם — געשען א נס!



אבער בשעת כ׳לעב נאך,
און כ׳דריי מיך שוין ארום א מת:
א חבר רופט מיין נאמען,
און איך ווייס נישט, אז איך בין עס — — —

ג

„מי בקיצו ומי לא בקיצו"

האט מען א בארד א לאנגע, א ווייסע,
בהדרגה זי ווערט ווייס און גרוי,
ווייסט מען טאקע וואו מ׳האלט אין דער וועלט
אויף א האר גענוי — אבער אזוי?

וואלט ביי מיין זייט געשטאנען אצינד א קינד,
דעם טלית כ׳הייב אויף, דערזע זיין שרעק,
ווי אים דען אנדערש געקענט פארטייטשן:
אלט איז די וועלט, ג אט ווארפט זי אוועק.

## א ווארט פון קאצקער מכוח שלום

ווען ג אט דעם מענטש געגאנגען באשאפן,
געקומען דער אמת און געשריגן:
א, באשאף זי נישט די מיאוסע בריאה,
רק שקר איז זי — א הארץ פול ליגן.
האט ג אט דעם אמת פון זיך פארטריבן,
ביי זיינס דער אלמעכטיקער געבליבן.

„האט דאך איכעט דער שלום געשריגן",
פלעגט דער הייליקער קאצקער פרעגן:
„אז ג אט זאל ס׳אדמ׳ל נישט באשאפן — —
איז דאך דער שלום איך געווען דאגעגן!
פארוואס האט אים ג אט נישט פארטריבן?
שלום, מלחמה, שנאה, זיך ליבן —

„עס קומט אלצדינג ארויס אויפן זעלבן!
אויב דער אמת נאר איז נישט פאראנען!!"
און אהין און צוריק א פארמוחטער,
אין זיין חדר מיוחד גענומען שפאנען;
מיט פנים צו דער וואנט שטיין געבליבן,
טרויעריק דעם שטערן זיך געריבן.

## „פזמון“ לשנת תשל״ו

די אוממעכטיקייט פונם בידנעם מענטשן
אויף יעדן ארט און אין אלע צייטן;
אן א „פסאלם“, אן ווארט „יערוזאלעם“,
אויסגעהאלטן בלוט און קנוט און קייטן?

צי קאן מען דען מיט די קליגסטע ווערטער
פארבייטן דאס ווארט „דו זאלסט נישט טייטן“?
און ווער ווי מיר, דער שעיר־לעזאזל,
ווייסט וואס איין ווארט קאן, וויל און וועט באטייטן.

נישט בחינם האט גאט געטון טוען
איבער גארער וועלט — אונז פארשפרייטן,
און ווי ער טוט דאס פון ירושלים
ביז וואו וועלט גאר אן עק אונז באגלייטן.

וואו מיר קומען ברענגען מיר אים מיט אונז —
משיח קומט אויף יעדן פערד צו רייטן!
יעדער פייער — אליהו הנביא,
די ערד — דער גאט׳ס אקער פאר פאלק צעזייטן!

אז אריבער ווי איבערן ים־סוף,
איבער אקעאן אויף זייט אויף צווייטן,
און דעם אטאם ווי א ברויט אויפגעבראכן,
צו זעטיקן דעם מענטשן אויף אלע צייטן —

וועט דאס זיין א פארשפרייטע וועלט־מאפע,
נישט צעשניטן אין „לענגן“ און אין „ברייטן“,
אויף טיש, ארום אלע פעלקער זיצן,
סעודה־טישטוך איבער אים אויסצושפרייטן.

און וואס איז געווארן? היראשימא!
זכר לדורות — פאר אלע צייטן;
יא, אט־א דאס קאן זי די בריה־מענטש
דאס לעבן אויף מכה־טויט פארבייטן —

° ° °

בירא־בידזשאן — ירושלים,
צי מעג מען פארגלייכן איינס מיטן צווייטן?



יא, עס וואלט געווען פונקט ווי מען זאל
די זון מיט א מולד־נאכט פארבייטן.

ביי טאלסטאיען אין הייליקן קבר
פאר לאכן אים וויי געטון די זייטן;
צומאל לעבינען אין מאוזאלעאום
די פארב אין פנים זיך נעמען בייטן:

גרענעץ־זעלנער — קאזאק־הנגזל
ווו דער פעפער וואקסט אין ווייטסטע ווייטן
מיט אטאם־באמבעס מיט מיסל־ראקעטס
כדי וואדקא אויף וויסקי צו פארבייטן.

זע, גארע ערד איין גרויסע גאז־קאמער
אלע וועלדער קרעמאטאריע שייטן
און אין בירא־בידזשאן א לעצטער ייד
חלומט נאך אלץ פון קומענדיקע צייטן —

הער גאנצע ערד איין תפלה־געשריי
ווען שטן מיט זיין שאטן וועלן שטרייטן
און אין ירושלים של־מעלה
א „מלא־רחמים“ פאר אייביקייטן.

און אז א נייע וועלט וועט שוין קומען,
וועט זי דען די אלטע פארבייטן?
און אז דער מענטש וועט שוין אלצדינג האבן,
פון אלען בעסטן און אלעם גרייטן,

אויב קיין אמת בלויז נישט טיף אין הארצן,
אויף אלע וועגן אים באגלייטן — —
אויב ס׳הארץ נישט קלאפן מיט ערלעכקייט,
נישט העלפן ס׳קלאפן פון אלע על חטא׳ן.

## „דוד מלך ישראל חי וקים“

(פאר מיין טאטנס אור־אור אייניקלעך אין ישראל)

ווען ר׳ אייזיקל דער דרדקי מלמד,
זיך געקומען פראווען ביים תפארת־שלמה,

פאר זיין אפפארן קיין ארץ־ישראל,
האט אים דער רבי געגעבן א זילבערנעם רובל,
צו פראווען דארטן מלוה־מלכהס,
מיט רקודים מיט דבקות־געזאנגען —
די סעודה „דוד מלך ישראל חי וקים“.

אזוי זיינען זיך דור־דורות געגאנגען
תפארת־שלמה, חסד־לאברהם, כנסת־יחזקאל,
ביז צום הימלישן קדוש שלמה חנוך!
דער רובל איז אנגעקומען אלע וואך;
ביי געדעקטן טיש מיט כזית חלה,
געפראוועט איז געווארן מיט טענץ און געזאנג —
די סעודה „דוד מלך ישראל חי וקים“.

ביי מיין זוכה זיין צום באזוך אין ישראל,
האט מיין טאטנס אור־איניקל מיך געברענגט,
אין שטוב פון אור־איניקל פון ר׳ אייזיקלען — —
די הייליקייט אין דעם חדרל דלת על דלת!
און איך האב די זכיה געהאט צו עסן,
פון כזית חלה פון תפארת־שלמה —
די סעודה „דוד מלך ישראל חי וקים“.

## ירושלים של מעלה

— סאנעט —

גאנצע וועלט, חלילה, אונטערגיין,
קומען דאס אומגלויבלעכע, פאטאלע — —
איפשטיין ירושלים של מעלה,
נישט פון גראניט, נישט פון מירמלשטיין.

די שטיגן צו איר ארויפצוגיין,
נישט פון פעלזן גריסענער סקאלע —
יעטוועדע הארץ־פארגליווערטע יעלה,
ביז צום זיבעטן הימל ס׳געווין.

גערעכטיקייט אין איר דעמלט וואוינען,
יעדן פאר זיין מי ערלעך באלוינען,
נישט צו מינערן קיינעם קיין האר — — —



דור־דורות גאנצע מוזן אומקומען,
וויפיל וועגן פארפלאנטערט, פארקרומען,
ביזגל איינער ווערן גראד און ווּאר.

## פאר דער כותל

אומברענגען אונז געווען דאך א שאד,
אין זיין כעס אויסגעגאסן עס האט
„על עצים ועל אבנים“, ג־אט —
ס׳בית־מקדש חרוב געמאכט אנשטאט.

ווייל פאר יעטוועדן הייליקן שטיין,
וואס פארבליבן פון אים דאך שטיין,
אזויפיל יידן געמוזט פארגיין,
דערפאר פאר דער כותל איצט ס׳געוויין?

און ווי פונם הימל א קול, הער:
„קול ברמה נשמע“ — וואס דער מער?
און אין אויג הענגט ציטערדיק די טרער —
פול מיט שמחה אנגענאסן כ׳וועד:

„וואלט איך די וואנט געווארן פארברענט,
וויאזוי צוריק קומען געקענט?
וויאזוי חרובע היים דערקענט?
די פרייד אינם געגלעט פון די הענט.

## ערב יום כפור

(א האלץ־שניט)

דאס כפרה שלאגן,
ס׳„תפילה־זכה“ זאגן,
א שרעק ס׳טוט אניאגן.

און ערשט דאס פארפאסטן!
ס׳הארץ א שיף מיט לאסטן,
דעם שפיץ פונם מאסטן.

מ׳זעט קיים ארויסשטעקן —
ס׳ברויזט פון אלע עקן!
ס׳פחדימדיקע שרעקן,

ס׳לאטשען־שטילע טרעטן :
„אלדעם גוטס אויסבעטן״!
דאס זיך איבערבעטן.

פערהאקט אלע קלייטלעך !
די נשמה־קנייטלעך,
נישט דאאיק — ווי ווייטלעך;

נישט פון פענסטער־שייבן —
שטערן, הימליש אויבן,
ס׳איז ממש צו גלויבן.

שטיין מען בלייבט באנומען :
שוין אראפגעקומען,
הימל אויף ערד ? אמן.

° ° °

א פה־נטמן ברעטל,
פון יידישן שטעטל,
אין כסא־הכבוד.

## „שלום עליכם״ — „עליכם שלום״

שטייען א רעדל מיט יידן
און טאנצן לבנה אקייגן :
„כשם שאני רוקד כנגדך,
ואין יכול לנגוע בך״ — —

אז קיין לבנה נישטא,
אבער א ראקעט איז דאך פאראן !
האבן יידן נישט געבעטן סתם :
„שלום עליכם — עליכם שלום״.

אז א שטיק כדור הארץ
זיך אויסגעקיילט אין אזא פנים,
ווער ווייסט וויאזוי אונזער ערד־קיילעך
אין ווייטער ווייט זי זעט אויס ?

אפשר טאנצט מען איר איצט אקייגן ?
מלאכים באפליגלטע אפשר גאר :



„כשם שאני רוקד כנגדך״ — —
און ניצול מיר וועלן ווערן.

## צו א ידיד לכבוד ראש־השנה

האט נישט ר׳ מאיר שבת אחר׳ן
באגלייט, ווען יענער איף פערד געריטן
און יענער אים דערמאנט : שטיין ר׳מוז בלייבן,
דער תחום־שבת שוין ס׳רענדל צעביטן ?

נישט אז איינער זאל חלילה עובר זיין,
און נישט דער אנדערער מוז שטיינבלייבן —
יעדער אין דעם וואס גלייבט בלב־ונפש,
מיט מסירת־נפש ווייטער גלייבן !

צוויי פאלאר־שטערן פונקט, וואס זיי מוזן
צו באווייזן, אז אין־סוף פאראנען,
און ביז לעצטער רגע נישט אויפהערן
מיט אלע כוחות ווייטער צו שפאנען.

° °

אויב אונזביידע דאך נאך טיפע נאנטקייט,
אהבת־ישראל קאן פארקניפן —
נישט נאר פון יסורים־של־אהבה,
פון אמתער פרייד כ׳קאן מיך צעכליפן :

איז דאך אן עם־אחד דאך פאראנען,
אומענדלעך אייביק נישט אויפצוהערן;
ווי כביכול אליין, כביכול,
וואס געבענטשט אונז צו זיין ווי די שטערן.

ווי ווייט ס׳קלענסטע שטערנדל מוז דאס זיין,
מען זאל עס זען אזוי ליכטיק צאנקען — —
אבער דארט, א דארט, ווי גרויס מוז עס זיין,
נישט אויס־ נ׳אונטערצוגיין — גאט צו דאנקען.

## ד״ר יעקב מייטליסן

— צו זיין פינף און זיבציקסטן געבוירן־יאר —
מישטיינסגעזאגט וואס האט שוין א פייטן
מער ווי זיינס א לידל, זיינס א זינג ?

טא זאל מיין יידיש לידל אצינד
צו דיין חג־היובל נישט זיין דיר גרינג.

עס איז דאך דער עיקר, אז ס׳קומט פון הארץ!
און וואס קומט פון דארט מערער ווי א ליד?
טא ווינטש איך דיר: עד מאה ועשרים!
פון גאנצן הארצן ווי איך בין א ייד.

וואס קאן שוין זיין שווערער ווי זיין א ייד?
אבער ווינטשן פון גאנצן הארצן שווערער נאך!
אז וואס שוין געבליבן — א פיצל,
און יעדער אטעם א שטאך — טיאך, טיאך.

אבער אין תוך, וואס איז דען דאס לעבן
די רגע אויף וועלכער מ׳הארט — מען גארט:
ואף על־פי שיתמהמה — —
דערלעבן און נישט ווערן אפגענארט.

א ב ר ה ם   ר י י ז י ן

# ד י   ג ר ו י ס ע   ס ו כ ה

לכבוד דעם 100/סטן געבוירן יאר פון גרויסן שרייבער און פאעט

דאס קלענסטע שטיבעל אין גאס איז געווען ברוך׳ס. דאס דאזיקע שטיבעלע האט געהאט מער ענליכקייט צו א כאטקע אין א דארף איידער צו א שטעדטעלשן בנין, נאר דער דאך מיט צופוילטע שינדלען איז געווען איין עדות, אז דאס שטיבעלע איז א שטעדטל׳שע און די מזוזהביים טיר — אז עס איז א אידישע.

דאס שטיבעלע אינווייניק האט קיינע צימערן ניט געהאט. די עלטערע טאכטער האט אפילו אמאל געפרווט די צווייטע העלפט פון שטיבעלע, וואס איז געווען אפגעצוימט מיט א הילצערנעם ניט געפארבטן אלמער, א נאמען געבן „די פינסטערע קאמער״, דאס האט זיך איר אבער ניט איינגעגעבן. פינסטער איז אפילו אין דער אנדער העלפט געווען גענוג, אבער קיין איינדרוק פון א „קאמער״ האט דאס ניט געמאכט. צוויי מאל האט זי עס מיט דעם דאזיקן נאמען אנגערופן, אבער, אז די אלע הויזיקע האבן איר ניט אונטערגעהאלטן, האט זי אליין אויך אויפגעהערט צו גליובן אין די ריכטיקייט פון נאמען, און זי האט צוגלייך מיט אלע הויזיגע אנגערופן די צווייטע העלפט — „דער פינסטערער ווינקעל״. . .



עס פארשטעט זיך, אז איין אלמער אין אזא ענגען שטיבעל איז ניט אזא אנגעלעגטער גאסט. הויך און שטאלץ און קאלטבלוטיק איז ער גע־שטאנען אין מיטן שטיבעלע און האט זיך ניט געלאזן א קער טאן דעם לעבעדיקן מענטשן . . . דער אלמער איז אבער געווען א ירושה פון ברוך׳ס עלטערן און מען האט זיך מיט אים געמוזט האלטן, בעטנדיק אויף אים אלע טאג אין הארצן א מפלה . . .

אבער נאך מער אפקומעניש איז געווען דער אויוועז. אט דער אכזר האט פארכאפט כמעט דריי חלקים פון שטיבעל. דער אלמער איז זיינער גאר א נאנטער שכן געווען, נאר שטארק ליב איינע די אנדערע האבן זיי זיך ניט געהאט: זיי האבן ביידע זיך שטענדיק בייז אנגעקוקט. סיידן ערב פסח, ווען צביה, די בעל־הבית׳טע פון שטיבעלע פלעגט דעם פארענט פון אויוועז אבקאלכען, דאן פלעגט ער עפעס אנהייבן אביסל ווי פריינדליכער קוקן אויף זיין שכן . .

ווי קומט אין אזא קליין שטיבעלע אזא גרויסע אויוון, ווייסן אפילו ניט זיינע בעלי־בתים. דאס שטיבעלע שטעט שוין אודאי הונדערטער יארן. ווער ווייס, וואס פאר א משוגעים פארצייטן זיינען געווען, וואס פאר א מיין זיי האבן דערמיט געהאט. זיי, די בעלי־בתים, האבן דאס שטיבעל ניט געקויפט. גלייך נאך ברוך׳ס חתונה האט דער פאטער אים ארייגעזעצט אהער, און אט אזוי זיצט ער שוין עטליכע צענדליק יאר. צו דערגען די געשיכטע פון דעם שטיבעלע האט ער קיין צייט ניט, ער האט בילכערע זאכן: ברוך איז א איד, וואס האט א ווייב מיט א סך קינדער און מיט וועניק פרנסה . . .

בכן איז איינס פון די ערשטע אונגליקן אין ברוך׳ס הויזגעזינד די ענג־שאפט. די עלטערע טאכטער האט נאך איר אריבערגעשטיגן, און אט די צוויי בריות ארבייטן גענוג, כדי צו מאכן עפעס ארדנונג, גערוימקייט אין שטי־בעלע. אבער וויפיל זיי זאלן ניט ארבייטן עהלפט עס ניט. אט איז נאך אנ־בייסן; די מוטער און טאכטער האבן דאס געזונד אוועקגעלעגט אויפצורוימען, מאכן א שטיקעלע דורכגאנג צום טיש. עס געדויערט אבער ניט קיין צען מינוט, עס פאלט עפעס אראב אויף דער ערד, עפעס ניט פארזיכטיק אוועק־געשטעלט, עטוואס די באנק א דרעה געטאן, און אין שטיבעל קאן מען שוין ווידער נישט דורכגען, כאטש נעם און שפרינג! ווארים אויסער דעם אלמער און אויוועז האבן זיך נאך, פארשטעט זיך ממילא, געפונען אין שטיבעל צוויי בעטן, א טיש און צוויי לאנגע בענק פון וועלכע איינע, די לאנגערע, האט מיט אירע שפיצן געלעכערט די ווענד; און קלענערע כלי־בית.

— האט אונז דיין טאטע א ירושה געלאזן! — פלעגט צביה ניט איינ־מאל „שטעכען״ איר ברוך׳ן, ווען די ענגשאפט איז געווען ניט צו דערטראגן, למשל ביים אויסבעטן די בעטען, ביים חלה באקן, טשאלענט רוקן און נאך אזוינע צייטן פון הו־הא.

ברוך פלעגט איר קיינמאל נישט ענטפערן, ווארום ער אליין איז אט מיט דער דאזיקער ירושה אויך ניט געווען צופרידן. כאטש צייטנווייז פלעגט ער

טראכטן: פון דעסטוועגן פארט אן אייגענער ווינקל . . .

אויסער וואס די בעלי־בתים פון שטיבעלע האבן געליטן פון דער ענג־שאפט פיזיש, האבן זיי אויך גייסטיק געליטן און מען קאן זאגן, אז די גייס־טיקע ליידן זיינען פיל גרעסערע געווען . . .

אמת, ברוך איז געווען אן ארימער איד. אבער דאך איז ער געווען א בעל־הבית, געשטאמט פון שענעם יחוס, איצע זלאטעס למשל איז געווען זיינער גאר א נאנטער קרוב, און איצע זלאטעס איז א איד אן עושר . . . אויסער דעם דאזיקן קרוב האט ער געהאט נאך פיל קרובים: צביה איז אויך ניט געווען חלילה קיין עלענדע, אויך ניט פון א שטיין געבוירן. פון ביידע צדדים האבן זיך אנגעקליבן מומעס, פעטערס, שוועסטער־קינדער, שני בשלישי א היבשע ביסל. און אט טאקי צוליב דער דאזיקער משפחה האט ברוך מיט זיין צביה מיט דער עלטערער טאכטער, געהאט ניט זעלטן שפיכות דמים.

עס טרעפט זיך, און ניט זעלטן, אז צביה ווערט געלעגן מיט א אינגעל. עס פארשטעט זיך אז עס איז א שמחה, זאל זיין אפילו—דאס דריטע אינגעל. אין שטיבעלע איז טאקע ענג, אבער די ערשטע וואך ליגט דאס ניי־געבוירן קינד נעבן דער קינפעטארין און פארנעמט וויניק פלאץ, שפעטער אז עס דארף האבן א וויעגעלע איז אויך ניט קיין בייז. צביה האט אלע קינדער אויסגעהאדעוועט אין הענג־וויעגעליך, וואס דאס פערנעמט נור א פלאץ אין דערלופטן, עלעהיי א צווייטער גארן . . . אבער דעם ברית מאכן איז ניטא וואו, אין ברוך׳ס שטיבעלע קאן זיך ניט אפילו דער נויטיקער מנין פא־טויפן און ווי געזאגט, ברוך מיט צביה׳ן זיינען בעלי־משפחה און רופן מוז מען יעדן.

און דא הייבן זיך אן די שפיכות דמים. די רייכערע מומעס און פעטערס, וואס זיינען די גאנצע „שיינדל״, קומען ערשט נאכן ברית און אויך ניט אלע צוזאמען נאר פארוויין, און ברוך מוז זיך פאר יעדן פארענטפערן. וואס עס איז אזוי ענג, און ווארפט פארצווייפלטע בליקן אויף די ווענד, ווי ער וואלט וועלן זיי בעטן: ווערט עפעס ברייטער, גזלנים!. . .

אבער נאך גרעסער זיינען די שפיכות דמים ביי יעדן יום־טוב, ווען די קרובים ווי דער מנהג איז, לאדן איין איינע די אנדערע אויף „כיבוד״.

— זאלסט זיך אקארשט ניט לאזן בעטן אויף ברכה! — קלאפט אים אין שוהל א יעדער קרוב אין פלייצע נאכן יום־טוב׳דיקן דאווענען — למען השם מיט צביה׳ן און מיט די קינדערלעך, הערסט, ברוך?

ברוך הערט. ווען דען? ער וועט ניט גען און אנמאכן א ברוגז?. . . אודאי קומט ער צו יעדערן מיט זיין גאנצן געזונד. מען מאכט ברכה, מען ווינשט לחיים, און נאכן כבוד, ווען ער דארף צו זיך רופן, לויט דער מנהג אין שטעטל, דיענט אים ניט די צונג ארויסצורעדן זיין איינלאדונג, און ער שטאמעלט קוים ארויס:

— איצטער וואלט מען געדארפט צו מיר געהן . . .



— אי״ה, אז דו וועטס בויען א גרעסערע שטוב . . ג אט וועט העלפן . .

באקומענדיק אזא ענטפער, וויל ער צוריק ענטפערן: וואס איז? אין א גוט לעבן איז ניט ענג.—וואס קאן זיין אין גרונד, א קליגערער ענטפער? . אבער דער ענטפער בלייבט ביי אים ווי אין האלז, און ברוך קאן אים בשום אופן ניט ארויסרעדן, חאטש נעם און שלעפ אים ארויס פון דארטן מיט די הענד . . .

און פארגעסנדיק צו בעדאנקן „פאר אלעם גוטן״, ווי דער דרך־ארץ איז, געהט ער ארויס פון קרוב, נאכשלעפנדיק נאך זיך דאס געזינד, אין אים דאכט זיך, אז ניט פון „כיבוד״ געט ער נא.ר פון א מאלצייט, וואס א גביר האט געמאכט פאר ארימע לייט.

און דאס פנים פלאמט אים פאר חרפה, און מיטן דאזיקן געפיל געהט ער אוועק צו א צווייטן קרוב, א דריטן, א פירטן. וואס דען? ניט גען און אנמאכן א ברוגז?. . .

אבער יעדער יום־טוב צו געהן אויף „כבוד״ און צו זיך די „משפחה׳ קיינמאל ניט איינלאדן, וואס ברוך נישט געקאנט פועלן ביי זיך פאר קיין פאל ניט. אזוי געפאלן זיין וואלט שוין אפילו ברוך, דער ארימער אין דער משפחה, ניט געקאנט.

פסח, שבועות, חנוכה איף לאטקעס, פורים צו דער סעודה, קאן ער טאקי צוריק צו זיך אויף כבוד ניט רופן: זיין שטיבעלע קאן אזא גרויסן עולם ניט איפנעמען. דערפאר אבער איז דאך דא נאך א יום־טוב — סכות. סכות לאכט ברוך פון דער גאנצער וועלט!

ברוך׳ס שטיבעלע איז טאקי די קלענסטע אין גאס, אבער דער הויף איז דער גרעסטער. „פלאץ״ איז אין שטעטל נישט קיין גרויסע מציאה, דער עיקר איז דאס בויען, און ווען ברוך איז ניט ביכולת אויסצובויען א גרויס הויז אויף זיין גרויסן הויף, קאן ער אבער דערפאר אוועקשטעלן סוכות אזא סוכה, וואס זאל זיין די גרעסטע פון אלע סוכות. ווען א גאנץ יאר לעבט ברוך מיטן הויזגעזינד אין ענגשאפט, וויל ער כאטש לעבן אין רחבות זיבן טעג אין יאר. א חיי־שעה איז אויך א לעבן, בפרט זיבן טעג — א קלייני־קייט זיבן טעג אין גערוימקייט, היינט דאס ניט פארשעמט ווערן פאר דער משפחה!. . .

און גלייך נאך יום־כפור נעמט זיך ברוך בויען זיין פאלאץ — די סוכה. קודם־כל שיקט ער ארויף זיין עלטערן בחור׳ל אויפן בוידעם, וואו עס ליגן א פיער־פינף ברעטלעך, אייך ירושה נאך פון זיין טאטן. עס פארשטעט זיך, אז די עטליכע ברעטלעך, וואלטן אפילו „אויף א צאן נישט געקלעקט״ אויף א געווענליכער סוכה. בפרט אויף אזא גרויסע, ווי ברוך נעמט זיך פאר צו מאכן. מען דארף אבער ניט פארגעסן, אז ברוך איז א גרויסער „עקא־נאם״, די סוכה בויט ער ניט אין מיטן הויף, ער זאל דארפן האבן פיר גאנצע ווענד, נאר ער שטעלט זי צו צום וואנט פון שטיבל. די סוכה דארף דאך אבער זיין גרעסער פאר זיין שטיבל, שטוקעוועט ער טאקי צו צום וואנד

די עטליכע ברעטער, וועלכע גרייכן ביז דעם שכן׳ס גארטן, וואס האט צום גליק א פארקאן פון ברעטער. האט שוין ברוך צוויי ווענד, כמעט פארטיגע, בלייבט אים נאך אנדערהאלבן, נעמט ברוך אראפ די דריי ווינטער־פענסטער פון בוידעם, די צוויי טירלעך פון אלמער, דאס איבריקע בארגט ער צו ביי די שכנים, וועלכע „געז אריין אין זיין לאגע״ און בארגן אים פון דאס לעצטע, און די סוכה האט שוין פירטהאלבן ווענד און א חלל אויף א טיר. די טיר איז שוין ניט פון ברעטער, נאר פון קאלדרע און דוקא פון צוויי קאלדרעס, ווייל א גרויסע סוכה מוז האבן א גרויסע טיר און איין קאלדרע קלעקט ניט . . .

אז דער בנין פון דער סוכה ווערט פארטיק און קיין מאנסבילשע ארבייט דארף זי שוין ניט, נעמען זיך צו איר ערשט די ווייבער — צביה מיט דער עלטערער טאכטער זיי קערן זי גוט אויס, שיטן אויס מיט געלן זאמד און מען טראגט ארויס די גאנצע מעבל פון שטיבל, ד.ה. דעם טיש מיט צוויי בענק און די צוויי טאבורעטן אין סוכה אריין. דאס שטיבל בלייבט פוסט, פילט זיך ווי בעליידיקט, און די פיר ווענד מורמלען דאכט זיך: גרויסע יחסנים!. . . אבער ווען פון הויזגעזינד ליגט יעצט אין קאפ דאס שטיבל, ווען אויפן הויף שטעט אזא גרויסע סוכה! אלע לאכן איצט פון שטיבעלע און ווילן פארגעסן, אז נאך סוכות וועט מען צוריק צו איר מוזן אנקומען און זי וועט זיך געניג דאמאלס נוקם זיין מיט איר ענגשאפט . . .

ווער געדענקט אין א גליקליכער צייט, וואס שפעטער וועט זיין?. . .

יעצט אבער איז די סוכה די איינציקע דירה פון הויזגעזינד און דאס שטיבל דינט אלס א קיך . . .

— א קיך — זאגט צביה איראניש — איז א גאנץ גרויסע . .

דאס שטיבעלע הערט און ווערט נעבעך צופלאצט און די פיר ווענד קלערן: ווארט, ווארט, מיר וועלן זיך מיט אייך אפרעכענען!. . .

ווער הערט זיין אבער יעצט? די גרויסע סוכה איז דערוויילע די יחס־נ׳טע די משפחה וועט טאקי אויף כבוד אהער קומען און ניט אין שטיבעלע.

און ווירקליך, דעם אנדערן טאג יום־טוב פעררופט ברוך אויף „ברכה״ דאס שיינדל פון זיין משפחה.

— איר וועט אנקוקן א סוכה! זאגט ער מיט א שטאלצן שמייכל: — א סוכה — א פעלד! א רחבות!. . .

— אהא! — ענטפערט אים ווער פון זיין משפחה — סכות ביזטו דאך טאקע א קיסר . . .

און די משפחה געט צו ברוך׳ן אויף ברכה און ברוך נעמט־אויף מיט כל הכבודים, וואס זיין ציביה האט פארן לעצטן גראשן אנגעגרייט, און ער שטעט הינטער זיי און באדינט זיי מיט א שטראהלנדן פנים, און קאן זיך ניט איינהאלטן און מוז חאטש צו איינעם פון די קרובים א זאג טאן:

— מיר דאכט זיך, אז מיין סוכה איז גרעסער פון אייערע . . .

דער „מיר דאכט״ איז נאר פון עדלקייט וועגן. ברוך איז זיכער אז זיין



סוכה איז די גרעסטע אין שטאט.

און גרויס איז זיין שמחה, ווען דער רייכסטער קרוב זיינער ענטפערט אים מיט א מין געפאלנקייט:

— מיין סוכה איז א ברעקל . . זיך ניטא וואו א קער צו טאן . . :

אט דעם ענטפער געדענקט ברוך א גאנץ יאר און דער ענטפער גיט אים מוט און העזה צו גען די איבריקע יום־טובים צו זיין משפחה אויף כבוד: נישט קשה, סכות באצאלט ער זיי כפל־כפלים . . .

שמעון וווזעק — ראטשעסטער ניו יארק

## א חשבון־הנפש שעה

דו זעצט זיך אוועק אין בין־השמשות, איינער אליין אין דיינע דלד־אמות און מאכסט א חשבון־הנפש:

וואס איז דער תכלית פון דיין לעבן? וואס טוסטו אויף? וועמען נוצט דיין לעבן? און בכלל, צו וואס לעבסטו אויף דער וועלט?

נעמען דיך פלאגן נאך און נאך אזעלכע פיינלעכע פראגן, און אן אומעט באפאלט דיך, ס׳ווערט ענג אזוי דיין וועלט, און אומבאשטימטע וויי־געפילן דריקן אויף דער נשמה.

נאך שעהן פון גרובלען זיך, נעמסטו פאמעלעך צוזאמען דיין ביסל גייסטיקע כוחות, און פרובירסט מאכן קלאר פאר זיך אליין, וואס עס איז אזוינס, וואס רויבט דיר אזוי אומאויפהערלעך דיין רו, אבער דו קומסט ניט צו קיין טאלק, דיין וויי פארצערט דיין מוח, און דו צעוויינסט זיך פאר דיינע שטומע ווענט.

און עס טוט דיר אזוי וויי וואס אזויפיל פון דיינע יונגע טעג זענען אוועק אין גיוועטש; עס טוט דיר וויי וואס דיינע חלומות ליגן פאר דיינע פיס צעפא־לענע; וואס דיינע שענסטע גלויבנס זענען דיר אזוי וויט און פרעמד געווארן, און ס׳טוט וויי, ס׳טוט וויי . . .

און דו פרעגסט זיך: וויפל פון דיינע שענסטע חלומות האסטו אליין און ווילנדיק אומגעבראכט, ווען דו האסט גענומען גלייבן אין „פראגרעס״, און „וויסנשאפט״, „עוואלוציע״, „דיאלעקטיק״?. . .

דייע אפגעהיטענע גלויבנס, וואס פלעגן נערן דיין הארץ מיט בטחון, זענען פלוצעם געווארן „אוטאפיעס״, „אומוויסנשאפטלעכע אילוזיעס״. . .

און אט שטייסטו פאר א טונקעלער הוילקייט, א קאלטן חלל, און אן אן אנהאלט, אן אן אנשפאר און אן האפענונג אויף א נייבאגין . . .

עלא זילבערג

## מיין תפילה פאר 5736

ג־אט, באשיטץ מיך פון בייזע געדאנקן,
פון שלעכט חלומות און שרעק,

פון קנאה און שנאה און האס פאר די מענשן,
דא, אלץ פון מיר נעם אוועק.

לאז מיך אויסלעבן די עטליכע יארן,
אויב לעבן איז מיר נאך באשערט,
אין פשוטן און פריינטשאפט, אין ליבע פאר יעדן,
באוויז אז צו לעבן איז ווערט.

באפריי מיך פון יאוש פון פריינט וועלכע שפאטן,
זיך יאגן נאך כבוד און געלט,
שיינק מיר מיין גלויבן, איך זאל קענען דיר גלויבן,
דאס הערלעך און גוט איז דיין וועלט.

## דאס ליד פון יוגענט צייט

פון מיין יוגענט צייט,
פון מיינע קינדעריארן,
קלינגט א ליד מיר אזוי, שיין,
אוי ווי זיס זיינען די טענער,
פול מיט ליבע און געוויין.

אין מיין פאטער׳ס שטוב,
אויף מיין מוטערס שויס,
חלומות פיל געשפונען,
נאר אלע האפנונגען ווי זאמד
ביים לעבענס ים צערינען.

געווען מיין גורל אזוי בייז,
פארשלעפט מיך טיפער ימים,
אלץ פארלארן אויפן וועג,
מיין היים פארברענט אין פלאמען.

נאר דאס ליד פון יוגענט צייט,
לעבט אין מיין זכרון,
טראג איך עס ווי א קמיע,
צו דערקוויקן מיינע יארן.



## ווער דארף דיך היינט!

ווער דארף דיך היינט,
ווען דו האסט אפגעדינט די יארן,
ווען דו ביסט אלט און מיד,
און האסט קיין כוח מער.
ווער הערט זיך צו,
צו דיינע הארציקע פערלאנגען,
ווער שיינקט דיר כאטש א טרייסט,
א ליבן בליק, א טרער.

ווער קימערט זיך,
וואס דו ביסט אמאל געווען,
דיין שיינקייט און דיין גייסט,
איז אפגעמעקט פון צייט.
ווער דארף דיין יחוס,
דיין גנעדיקייט, דיין ליבע,
מיט וועלכע דו האסט באשיינקט,
אזוי פיל ארימע לייט.

היינט ביסט דו א לאסט,
אן איבריקע כלי,
וואס נוצט פאר קיינעם ניט,
און קוים פאר זיך אליין,
נאר ניט פארצווייפל פריינט,
דו ביסט ניט א בן־יחיד,
דעם זעלבן וועג,
וועלן מיר אלע מוזן גיין.

י. ח. בענקוויטש

## מיין זיידע און זיין שטעטל

מיט א צייט צוריק האב איך באשריבן מיין זיידן, מיין מאמעס טאטן; איצט מיין טאטנס טאטן, דער היפוך פון מיין מאמעס טאטן. א הויכער, שיינער ייד, מיט א גרויסער בלאנדער בארד, א תלמיד־חכם.

געהייסן האט ער ר׳ אלי—אליהו—, און א האלב שטעטל איז געווען זיין משפחה, ברידער, שוועסטער, דריי טעכטער, דריי זין. אלע פארהייראט, מיט פאמיליעס.

שבת פלעגט ער לערנען עין־יעקב פארן עולם אין שול.

וויאזוי איך האב אים דערקענט. איך האב זיך געהאדעוועט ביי מיין

מאמעס טאטן, מיט מיין מאמען און נאך צוויי קינדער; א פרייער פויגל, באליבט ביי אלעמען.

נאר שבת, ווען יידן פלעגן קומען דאווענען, הער איך זיי זאגן: „א יינגל שוין פינף יאר אלט און גייט נאך ניט אין חדר אריין!“

א געוויסן טאג קומט צו פארן א ייד, און מיין זיידע רופט מיך, חיימקע, דאס איז דיין זיידע, דיין טאטנס טאטע. זאג אים „שלום עליכם:“ איך זאג אים „שלום עליכם“. ער גיט מיר די האנט, ניט פריינטלעך. ער האט מיך גענומען צו זיך אהיים. די באבע, זיין דריטע ווייב, און א זון פון זיין צווייטער ווייב האבן זיך געזעצט עסן. „רוף אים עסן,“ זאגט זי עפעס גארניט פריינטלעכע באבע, „אבער ניט ביים טיש. דער טיש איז צו הויך פאר אים“.

זי גיט מיר עפעס צו עסן. איך עס און עס שטיקט מיך און איך צעוויין מיך. דער זיידע, די באבע, בייזערן זיך אויף מיר.

— אויב דו וויינסט, גיי זשע צוריק צו דיין זיידן צופוס!

עס געדענקט זיך מיר, ווי עס וואלט פאסירט נעכטן. איך בין געוואוינט צו ליבשאפט און דא אזא „ברוך הבא“. .

נאכן עסן, אך ווייס ניט וואס צו טון. קריך איך ארויף אויפן הייסן אויוון אין א הייסן זומערטאג און וויין מיר שטילערהייט ביז איך בין איינגעשלאפן.

איך כאפ מיך אויף, עס איז פינסטער אין הייס. קריך איך אראפ און זעץ מיך אויף א שטול און שלאף ווידער איין. איך כאפ מיך אויף, עס איז שטיל. קיינער ניט דא, כ׳וויל ארויסגיין ערשט עס איז פארשלאסן. האב איך מיך צעוויינט אויף א קול. א מחיה איך קען וויינען . . וויפל איך וויל.

ערשט, עס קומט מיין פעטער, דעם זיידנס בן־זקונים. ער רעדט ניט. ער גייט אין קאלטן צימער, נעמט זוכן עפעס עסן. איך גיי אים נאך, קוים ער רעדט צו מיר.

— איצטער קענסטו דיך שפילן אין גאס.—און איז אוועק.

איך זע די גאס. אויפן הויף איז דא גראז, זעץ איך מיך און עס איז מיר עפעס אזוי ביטער פון אזא „ליבער“ היים. זיץ איך און וויין. ערשט יינגלעך פון גאס האבן מיך דערזען, פרעגן זיי מיך:

— וואס וויינסטו? ווער ביסטו? ווי רופט מען דיך?

איך זאג זיי „איך וויל עסן“, זאג איך.

— קום מיט אונז, יינגעלע — זאגן זיי מיט ליבשאפט.

איך גיי מיט זיי אין זייער היים. — דאס יינגעלע וויל עסן — זאגט איינער פון זיי. זייער מאמע גיט מיר עפעס צו עסן און פרעגט מיך:

— ווער ביסטו? ווי קומסטו אהער? ווי רופט מען דיך? — זאג איך:

— מיין זיידע האט מיך געבראכט אהער. מ׳רופט מיך חיים נח.

— אוי — זאגט זי, און כאפט מיך קושן. — דאס איז יעקב יוספס יינגל!

ערשט דאס איז געווען מיין טאטנס שוועסטער. איך דערוויס מיך, זיידע־באבע זענען אוועק אין פעלד אריין ארבעטן, און האבן פאר מיר ניט געזארגט.



איך האב מיך אזוי אפגעמאטערט ביז פאר ראש־השנה, אין קיין חדר אריין ניט געגאנגען; עס איז געווען אינמיטן זמן. מיינע מומעס פלעג איך הערן זאגן, אז דער זיידע איז ניט גוט צו מיר.

פאר ראש־השנה איז געקומען מיין מאמעס ברודער און האט מיך גע־נומען אהיים, צו מיין ליבער היים. איך האב אפגעלעבט דעם ווינטער און נאך אלץ ניט געלערנט אין קיין חדר. אבער מיין מאמע ע״ה, האט מיך אביסל געלערנט, אזוי, אז איך האב שוין געקענט עפעס לייענען.

אויף זומער האט איינער א דארפס־ייד געקראגן עטלעכע יינגלעך, און מיר איז אויסגעקומען צו גיין דורך א טיפן וואלד צוציקומען צו יענעם דערפל. אבער איך האב באמת ליב געהאט דעם מלמד, און ער האט געזאגט אויף מיר, אז א רב וואקסט ביי ר׳ הירשן.

אויף ווינטער האט מען מיך ווידער געשיקט צום זיידן, דעם טאטנס טאטן. ווידער צרות און הונגער! אבער איך האב געהאט א הנאה פון לערנען. דער זיידע פלעגט מיך פארהערן גאנץ אפט און פלעגט ארויסווייזן מיר אביסל פריינטשאפט.

נאך א זעלטענער טיפ איז געווען ר׳ מרדכי, א מלמד זער א פרומער און גוטער מלמד. שלאגן, שמייסן איז דעמלט געווען א טראדיציע ביי מלמ־דים; און ער האט דאס געטון. זיין מאמע, באבע רישע נעמי, פלעגט לויפן אויפן בית־עולם בעטן די מתים זיי זאלן בעטן ביי ג־אט, אז אירע קינדער זאלן זיין ארעם, כדי זיי זאלן זיין פרום.

אין שול אריין פלעגט זי קומען אלע אין דער פרי און היטן די יינגלעך ווי זיי דאווענען. אויב עס איז איר ניט געווען געפעלן, פלעגט זי זיי צורופן און מען האט געמוזט פאלגן. זי פלעגט אויסרייסן שטיקער פלייש ביי זיי. אבער פרום זענען אלע געווען.

פון דעם שטעטעלע איז קיין זכר מער ניט דא. די איינוואוינער, וועלכע זענען לעבן געבליבן, זענען צעשפרייט אויף דער גאנצער וועלט.

איך קען קיינמאל ניט פארגעסן יענע קינדער־יארן.

יוסף וויינשטיין

## חג הסכות, זמן שמחתנו

### פון מיינע זכרונות

„יום־כפור, דאנקן ג־אט, אוועק — דערלעבט, געטרייע ברידער.
„אויסוויינען, פאסטן גאנצענע טעג — מע זיצט אין סכה ווידער . . .“

— דאס זענען ניט מיינע ווערטער: אזוי האט געשריבן דער אידיש נאציא־נאלער פאלקס־דיכטער שמעון פרוג אין איינע פון זיינע גלענצענדע פאעמעס.

נאר, ס׳איז לייכטער צו זאגן: מע זיצט אין סכה ווידער . . . כ׳געדענק אז מיין טאטע ע״ה פלעגט יעדן יאר, גלייך נאך יום־כפור זיך מוטשן און

פלאגן גאנצע 3 טעג מיט דער סכה, ביז ער האט דערלעבט צו זעען א שטיקל נחת פון זיין הארעוואניע. איך בין דעמלט געווען נאך א קליין בחורל, און ניט געקענט קומען מיין טאטן צו הילף מיט וואס ניט איז, ווי נאר אים פארזארגן מיט א סוכה־שער . . .—אין יענער צייט, איז מיין טאטע געווען א לערער אין עברית אין דער „בני־ברית" שולע, און געפירט די תלמוד־תורה פון דער אשכנזישער קהילה מיט א 50 תלמידים חדר־אנגלעך . . .

יעדן יאר, פלעגט מיין טאטע דארפן זיך באזארגן מיט מערערע שנורן און געהילץ צו באפעסטיקן די סכה וואס איז געשטאנען אויפן דאך, אנגע־שפארט אויף א שוואך נידעריק אלט ווענטל, וואס האט אפט געסטראשעט צו צעפאלן זיך . . . אזוי ווי שלום עליכם אין זיינס א װאונדערבאר מעשהלע: „שוין איין מאל א סכה" — דערציילט ער דארט ווי „שוין איין מאל משה" האט אויסגעסטרויעט א סכה, און ציגן האבן דערשמעקט דעם פרישן גרינעם „קאמיש" מיט וועלכן מ'האט באדעקט די סכה, זענען זיי ארויפגעקראכן אויף דער סכה — בעת די משפחה האט געגעסן וועטשערע — זיך צוגעכאפט צום „קאמיש" און גענומען פרעסן, אזוי לאנג ביז זיי האבן דורכגעלעכערט דעם סופיט, איינגעבראכן די גאנצע סטעליע און אריינגעפאלן אין דער סכה גלייך אינעם טאפ יויך וואס האט זיך געפונען אויפן טיש . . . און צוזאמען מיטן דאך, זענען די 4 ווענט אויך איינגעפאלן אויף דער משפחה, און פונעם גאנצן בנין איז געווארן א חורבן . . .— אויך אין זיין מעשהלע אין סטראפן. „די לאקשנבערעט" דערציילט שמעון פרוגי אז משה בער, א בעל־הבית אין שמונעוושקע . . . האט געסטרויעט א סכה לעבן זיין שטוב. איז פארביי געגאנגען פונעם שפאציר דעם שכנ'ס א חזיר, און ביי דער סכה זיך אפגע־שטעלט א „קראץ" זיך טאן . . נו, פרעגט שוין ניט!. . די סכה האט גענומען קרעכצן, ציטערן ווי פון פיבער, און . . . טראך! איס סכה, א תל פון אלעם געווארן!. . .

ניט איין מאל האט מיין טאטע זיך דערהרגעט א פאר פינגערן צעהאקט און צעבלוטיקט א האנט ביים אפזעגן א שטיק האלץ, אדער ביים אריינשלאגן א צוואק . . . כ'געדיינק אין אן ערב סכות האט מיין טאטע זיך ארויפגע־דראפעט אויף א לייטער, מיט א האמער אין האנט, און איז ארונטערגעפאלן, זיך אויסגעוועכנעט א פוס וואס איז שטארט געשוואלן געווארן. מיר האבן יענעם סכות שוין געגעסן אין שטוב . . .

אין קאירא, וואו כ'האב געלעבט כמה וכמה יארן, פלעגן ספרדישע אידן, וואס האבן געוואוינט אין זייער געטא, אויפשטעלן זייערע סכות אין זייערע חצרים. אשכנזישע אידן האבן מערסטנס געוואוינט צווישן ניט אידן, און זיי פלעגן אויפשטעלן די סכות אויף די דעכער פון זייערע הייזער, אדער אויף א ברייטן גאניק אונטער א פרייען הימעל.

אתרוגים איז געווען שווער צו באקומען. אידישע סוחרים פלעגן דער־האלטן אתרוגים פון ארץ־ישראל, אויך פון ציפרוס. דערפאר אבער האבן הדסים אין צווייגן פון ערבות, פון די ארבע מינים געוואקסן אין מצרים לרוב.



איבערהויפט לולבים האבן זיך געפונען אן א שיעור, מחמת אין די אראבישע דערפער פלעגן וואקסן טייטעל ביימער און פאלמען ביימער אין די שווערע טויזנטער. מע פלעגט קויפן א לולב פאר א פאר גראשן.— אויף סכות פלעגן אידן אראפרייסן פון זייערע סכות די אלטע פארוויאנעטע טייטל־צווייגן און בלעטער, און צוריק דעקן מיט פרישן גרינעם סכך.

אין מיינע עלטערע יארן, האב איך פארמאגט אן אייגענע 3 שטאקיקע שטוב מיט 6 דירות. געלאזט אויסטרויען אויפן דאך פונעם הויז א גרויסע ברייטע סכה פאר מיינע 4 אידישע שכנים. איין שכן האב איך געהאט, מר. גארפאטש, א סטאליער אבעל מלאכה נאך פון דער היים — א באוויבטע־ מיט א שיינער משפחה — אים האב איך געגעבן צו סטראיען די סכה. דער 2טער שכן, מר. דוד כהן, אן עלעקטריקער, מיט א גרויסער משפחה, האב מיך באזארגט מיט באלייכטונג אין סכה. דער 3טער שכן, מר. גרישא איכקון, א זייגער־מאכער, א טאטע פון 2 זין, דער 4טער מר. גאלדבערג, געהאט א יונג ווייבל און א קליין מיידעלע. כ'האב די 4 משפחות באזארגט יעדן מיט א טיש אין דער סכה. מיין משפחה איז געזעסן אין מיטען, אויף דער טעראסע איז געווען א וואש־שטוב, מיט קראנען וואסער, וואו יעדער האט געקענט אויסרייניקן זיינע כלים.

אין סכה, אונטערן סכך, האב איך געהאט אויפגעהאנגען, קראנצן פון טייטלען, רויטע און געלע, פייגן אויף זייערע צווייגן, שטענגלעך וויינטרויבן ווייסע און שווארצע, קראנצן מיט גרינע אליוועך, עפל מיט רויטע בעקעלעך, מאראנצען און לימענעס פון ארץ־ישראל, אויך מילגרוימעס, און א פלעשעלע ביימעל, א פלעשל ווייו און א זעקעלע מעל. אויף די ווייסע יריעות און זיידענע דעקעס, וואס האבן פארשטעלט די הילצערנע ווענט, האב איך אויס־געהאנגען קאלירענע פיינדלעך מיטן „מגן מחנה יהודה", וואס מיין טאטע האט מיר געהאט געגעבן, אויך פארשידענע אויפשריפטן און געדרוקטע איינ־לאדונגען צו די אושפיזין, די 7 אבות אברהם יצחק ויעקב, יוסף ומשה, אהרן ודוד, זיי זאלן קומען אייטייל נעמען אין דער שמחה פון די 7 טעג סכות. כ'האב אויסגעריסעוועט גרויסע אותיות מיט „ברוכים הבאים בשם ה'"— יעדער אות אן אנדער פארב, און עס אויפגעהאנגען ביים אריינגאנג, אין פראנט פון דער סכה.

יעדן יאר, אויף סכות, פלעגט דער טשיף־רבי פון מצרים, ר' חיים נחום עפענדי, א גרויסער סקאלאר, מיר צושיקן—אלס דער „אב בית־דין"—א הדר'ל אן אתרוג און א מובחר א לולב, מיט די ארבע מינים—מיר א מתנה—זייענדיק כמה יארן שופט אינעם בית־דין פון קאירא. אריינגעלעגט האב איך דעם אתרוג אין א פושקע אליוועך האלץ מיט פרישע קלאטשע און אוועקגעשטעלט מיטן לולב אין סכה: שכנים און משפחה, זאל קענען קומען בענטשן לולב.

דעם ערשטן טאג סכות, זענען אידן נאכן דאווענען, געגאנגען צום גבאי־ראשון אויף קידוש. דעם אנדערן טאג סכות זיינען זיי געקומען צו מיר אויף קידוש, געפירט פון מיין טאטן: אונזער רבי, ר' מנחם מענדל בר' נתן הכהן,

א גרויסער תלמיד חכם, מיט זיין היכע געשטרעקטע פיגור, געקליידט אין א שווארצן לאנגן ראק מיט א צילינדער אויפן קאפ: אויסגעזען ווי א פאט־ריארך מיט זיין שען צעקעמטער שווארצע ברייטע בארד, באשפרענקעלט מיט זילבערנע פעדים. ער איז געווען מיין טאטנס א ידיד, מיט וועמען ער האט לאנגע יארן געלערנט אין א ישיבה אין צפת. אויך איז געקומען ר׳ פנחס ראזענטאל, דער חזן, פנחסל פעקער, האט מען אים גערופן, ער פלעגט אויך פארקויפן פלייש . . . מר. יצחק בלום, דער שניידער א גרויסער תלמודיסט מיט א רויטער בארד . . . געווען גבאי ראשון; מר. יצחק צוקערמאן, גבאי שני, ער פלעגט זיך אויסקריגן מיט דער גאנצער שטאט; מר. לייב זילבער־שטיין, שוחט ובודק; ר׳ משה זילבערשטיין, משהלע פון די גענדז פלעגט מען אים רופן, ער פלעגט פארקויפן חלקים גענדז; מר. בערל ברזל, געהאט א באקאליי אויף דער אידישער גאס און פלעגט גאנץ שען פארדינען, מר. גדליה רעזענטאל, שמש ראשון, אנגעטאן אין זיין נייעם מונדור מיט גאלדענע קנעפ אין א רויטן פעץ אויפן קאפ, אויסגעזען האט ער ווי אן עגיפטישער שיפס־קאפיטאן . . שלמהלע שניידערמאן, שמש שני, זיין פליגל־אדיאוטאנט . . אויך זענען געקומען אין סכה זיך משמח זיין, מר. קארפאטש און מר. דוד כהן, צוויי פון מיינע שכנים . . —איך האב מיין טאטן אפגעגעבן דעם כבוד, ער זאל מאכן קידוש מיט דעם יום־טוב׳דיקן ניגון, דער רבי מנחם מענדל האט געמאכט „המוציא“, אויף צוויי שיינע חלות. חזן פנחס האט מיט זיין טענאר געמבע געזונגען פסוקים פונעם יום־טובדיקן דאווענען, און גדליה שמש האט געהאקט מיט גראמען, וויצן מיט שפיצן, אפט אויסגעזעצט אין א היל־כיקן געלעכטער און געשפעט געגוג פון זיינע אייגענע חכמות . . .

מיין פרוי, געהאלפן פון מיין מאמע, א פרומע אידישע טאכטער, א אידישע מאמע מיט אלע מעלות, אויך געהאלפן פון מיינע שוועסטער, האבן פארטיילט דעם עולם לייקעך און בראנפן, וויין און קאניאק פון „כרמל מזרחי“, מיט היימישע אייער קיכעלעך, און קיכלעך געפילט מיט צימערינג, אויך פאר־שידענע קוגלען און שטרודלען.

אלע געסט זענען געווען ענטציקט פון דער שיינער רייך דעקארירטע גרויסע סכה, העל באליכטן מיט עלעקטרישע בליץ־לאמפן . . . און ביים אוועקגעבן האט מען אויסגעשריגן בקול רם: פדה לציון ולירושלים! אם ישראל חי וקים לעולם ועד, אמן, כן יהי רצון!

אברהם דוד

## נגב זאמד

איך זיץ דא מיט ג אט
אין א בודקע אין מדבר
מען וואשט און מען טריקנט
דעם ריינעם זאמד.



ארום אין דער פינסטערניש
מדבר וואנדערער, בעדואינער
זיצן, דערציילן מעשהלעך
פון זאמד און ג אט און הימל און איך.

פון דעם זאמד וועלן זיין שפיגלען
וואו דער זעלבסטמערדער וועט צום לעצטן מאל
זען זיין געזכט, וואו דער קוש פון געליבטע
וועט זיך אפשפיגלען.

ס׳ברענט אן אייוועלע אין בודקע
דער פייער פון גרויסן אייוון
וואס טריקנט דעם זאמד
שפילט זיך אין שאטנס.

## אין א שפאנישן דארף

פייגלעך ווי פארבלאנדזשעטע פלעדערמייז
פליען מוראדיק און איינזאם
דער וויסטער ווינט וויינט אין טרויער
מיט א הייזעריקן קול פון מדבר זאמד.

די זון, א פייער אן רחמנות
ברענט אויס קאליר און זאפט
שפאלט ליים און שטיין
אויף מיילער אפן פון דארשט און ווייטיק.

מענטשן פון טרוקענער ערד און הוילע בערג
די פענימער מיט קנייטשן
ווי אויסגעטריקנטע היילן
פון אמאליקע טייכן.

## חלום

אן אריענטאלישער חלום
געבארן אין באסרא געוואקסן אין באגדאד
אין א דירה א קליינע
בין איך און זי אין באסרא און באגדאד.

דער פנים איז טונקל, די אויגן שווארץ

אן אינעווייניקע שווארצקייט
מיין גוף קעגן איר
קאלירלאז און בלאס.

טונקל אוןווארעם ווי פון א גוטער זון
און מדבר ווינט אין פרילינג
אירע האר זיינען שווארצער פון שווארץ
זיידן דין.

א. נ. שטענצל

## מיין וויזיט-קארטל אין ווייטשעפל

### א

דינסטאג אין דער פרי, דעם 22סטן נאוועמבער — איך מוז אנהייבן צו ציילן די טעג און זיי ריכטיק און גענוי איינטיילן, ווייל פון די דרייסיק טעג פון מיין דערלויבטן אויפנטהאלט אין לאנדאן זיינען מיר נאך געבליבן זעקס און צוואנציק. וואס ס'זאל נישט מיט מיר געשען דערנאך . . שוין דאס זיין אין אזא וועלט-כרך ווי לאנדאן, אן שום זארג, זי אנקוקן, זי זעען טאג-אויס און נאכט-איין, פנים-אל-פנים, איז א פריווילעגיע.

דער גאנצער ענין, דאס אנטלייפן פונם היטלער-בערלין, דאס וועלן געפינען א מקום מנוחה ערגעץ-וואו, ווערט בטל ומבוטל קייגן דעם ממש אומבאגרייפלעכן דערלעבן פון אזא כרך.

גאנץ בערלין קאנסטו ארייגשטעקן אין וועסטל-קעשענע קייגן אזא מין וועלט-שטאט — א שטאט פון צען מיליאן מענטשן; א שטאט, וואס ציילט זיך נאך פון פאר דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג; די הויפטשטאט אויף דער אינזל, וואס איז די הערשערין איבער די ימים.

איז מיר געבליבן, קודם, איינצוטיילן דעם היינטיקן טאג, דעם ערשטן מזלדיקן דינסטאגדיקן טאג, אז א רגע זאל נישט פארלוירן גיין.

קודם-כל דעם גאנצן פארמיטאג אין דער נאציאנאל-גאלעריע. אמת, פאר דעם ארטיקל מכוח דער ענגלישער מאלעריי, איז עס מיר נישט נויטיק מער, ווייל ער איז שוין אנגעשריבן, אבער מ'איז דאך אליין אויך א שטיקל מענטש —

און אין וויפל בילדער-גאלעריעס איך בין נישט געווען, וויפל קונסטביכער נישט געבלעטערט, האט מיר די גאלעריע ערשט געעפנט די אויגן.

אפנים, האט דאס רייכע ענגלאנד נישט נאר דאס געלט צו קויפן בילדער, נאר אויך די מענטשן, וואס ווייסן וואס צו קויפן.

אפעסן מיטאג און מיך ארופלאזן נאך ווייטשעפל! ראשית: אריינגיין אין דער רעדאקציע „די צייט" — אנקוקן א יידישע רעדאקציע! און האט דאך מיר דער רעדאקטאר געזאגט, טרעפנדיק מיך באלד אין מיין ערשטן



טאג, זייענדיק אין לאנדאן אין יידישן ארבעטער-רינג, איך זאל אים עפעס ברענגען צום דרוקן. ושנית: נעכטן שפעט ביינאכט, מיך ארומשלעפנדיק איבער די ווייטשעפל געסלעך און ארויסקומענדיק אויף דער הויפטגאס, א ליכטיק-באלויכטענע פון די צעצונדענע שויפענסטער, זע איך אויף איינעם מיט גרויסע יידישע אותיות אויפגעשריבן: „יידישע רידינג-רום נישט פון מיסיאנערן". כ'שטעל מיך אפ, כ'קוק אריין אין דעם גרויסן שויפענסטער: אלע פיר ווענט מיט גרויסע ביכער-שענק. כ'זע ממש אויף די רוקנס די גאלדענע יידישע אותיות — כ'פארשטיי אבער דאך נישט דאס מיט יידישע אותיות אויפגעשריבענע ווארט „רידינג-רום" — אפשר מיינט עס ביכער-מסחר? א בוכהאנדלונג? שטייט עס דאך אזוי באלויכטן צווישן די אלע גרויסע געשעפטן!

א פארבייגייענדיקער דערקלערט מיר: וואס איז דא צו פארשטיין? דאס איז דער יידישער „לעזע-זאאל. מ'קאן אייך דא באקומען יידישע ביכער צו לייענען.

האב איך באשלאסן מארגן אי"ה, טאקע דא אריינצוגיין. אפשר זעען א ניי יידיש בוך, נאך וועלכן איך בין אזוי אויסגעהונגערט און אחרון אחרון טאקע דערנאך ארויפגיין אין ארבעטער-רינג ארייץ און צוגיין צו חבר יאזעפס טישל און טרינקען מיט אים א „ראשן-טי".

### ב

אריינקומענדיק אין דער רעדאקציע פון „די צייט", האט עס אויסגעזען ווי כ'וואלט אריין אין א שפעטן נאכמיטאג אין א בית-מדרשל. פארנט ביים טיש זיצט איינער, אונטערברומענדיק, און האלט א פעדער ווי צום אויסשיסן. אין דער זייט זיצט איינער, ביי א שטיק פון א צייטונג, לייענט, מסתם א קארעקטור, און דיסקוטירט בשעת מעשה מיט א צווייטן, וואס האלט דווקא אין שנעלן שרייבן מיט גרויס התמדה, ניין, ער דיסקוטירט נישט — ער איז זיך מפלפל און וויל דווקא אויספירן זיינס, דער צווייטער לאזט זיך נישט און שרייבט דווקא נאך פלינקער . . .

איינער, ביי א ליידיקן בויגן פאפיר, א בלאנד-צעשויבערטער, א צעשטרעקטער, ער קוקט ערגעץ מיט אויפגעריסענע, בלויע אויגן, אונטערזשומענדיק א שטיל ניגונדל, ווי ער וואלט זיך ביי וועם עפעס געבעטן.

דער רעדאקטאר איז געשטאנען אויבנאן ביי א שטענדער.

דעם ערשטן נאמען, וואס כ'האב געהערט, איז געווען „ליסקי". דער ביים שטענדער האט זיך אויסגעדרייט און געגעבן דעם יונגסטן, וואס איז געזעסן צווישן חבריה ביים טיש, א געשרייבעכץ פול קאטשערזעס און לא-פעטעס", דאס לייטארטיקל פארן מארגנדיק צייטונגס נומער, וואס זיין גע-לונגענקייט האט מען בפירוש געקענט אראפליינען פונם שעף-רעדאקטערס פנים.

בשעת מיינע אויגן האבן זיך פארבלאנדזשעט, מיט די אנלויפנדיקע יונגע פלינקע אויגן פונם אויפגעשטעלטן, האב איך געהערט דאס שוין מיר באקאנטע קול פאר דריי טאג אין ארבעטער־רינג: „א, דער חבר שטענצל" און מיט זיין יום־טובדיק דזשענטלמענערישן קול מיך פארגעשטעלט פאר די „מיטארבעטער": „גוט ארייַנגעטראפן. מיר גייען אלע איצט עפעס איבערבייסן".

ביי לייאנסן אין קאפע, א צוויי־דריי שריט פון דער רעדאקציע, זיינען שוין געזעסן איבער א מנין יידישע שרייבער און פאעטן ביי זייערע „רעזערווירטע" טישלעך און געווארט אויפן רעדאקטאר און זיין „סטאף", וואו מ'האט געקיבעצט ליטעראריש און פאליטיש.

אזוי ווי איך בין אקארשט געקומען פון „היטלער־דייטשלאנד", בין איך געווען אן אנגעלייגטער גאסט — צו הערן פון אן „ערשטער האנט" וואס דארטן טוט זיך: פון די אויגן האט ארויסגעקוקט זארג און נייגיריקייט — איין האנט האט געפרעגט און די אנדערע אוועקגעמאכט ביז לסוף האט מען זיך אפגעשטעלט אויף ליטעראטור. לעא קעניג האט אויך דעם אביעקט מיט א כיכעדיק לעכעלע אוועקגעמאכט, א נערוועז פרויען־לאכן האט אים איבערגעהילכט.

כ'פרעג מיין שכן: ווער ס'איז?

„אסתר קרייטמאן".

פון די צוויי מנינים, וואס זיינען ארום די טישלעך געזעסן, האב איך צוויי געקענט ביי די נעמען: לעא קעניג און ־בן־א סאכאטשעווסקי.

קעניג איז געווען א נאמען אין דער יידישער ליטעראטור און סאכאטשעווקיס א ליד האב איך געלייענט אין בערלין מיט איניקע וואכן צוריק. אין א צייטונגס־קיאסק ביים פרידריך־שטראסע באנהאף האב איך געזען אויסגעשטעלט צווישן די דייטשע צייטונגען א יידיש בלאט „די צייט" און האב עס געקויפט.

איך האב אנגעהויבן צו זוכן דעם חבר סאכאטשעווסקי צווישן דעם פארגעשטעלטן עולם ביי די פאר טישלעך און אים נישט געזען — נישט מ'האט אים מיר פארגעשטעלט אין קאפע און נישט אויבן אין דער רעדאקציע . . .

עפעס איז עס שוין נאכצוטראכטן!. . .

מיינע אויגן האבן זיך ווידער געגעבן א פלאנטער מיט יענע פלינקע, יונגע אויגן: „חבר ליסקי, וואו איז דער בן־א סאכאטשעווסקי? איר האט דאך דא א פאעט מיט אזא נאמען".

די אויגן זיינען שפיציק, א רגע שטיין־געבליבן אויף מיר, ווי זיי וואלטן געוואלט עפעס איינפעדעמען. אבער איך האב זאכלעך און שנעל געהערט: „ער איז אויבן געבליבן".

מאדנע, אייבן האט אים מאררים מייער נישט פארגעשטעלט און דא אראפ אין קאפעע אריין איז ער נישט מיטגעקומען . . . עפעס מוז דאך דא



זיין דעמער . . .

„ווייסט איר וואס, חבר ליסקי, איך וועל ארויפגיין אויף א רגע".

פארברענגט נאר נישט צולאנג, ווייל חברה צעקריכן זיך באלד".

ווען כ'בין ארויפגעקומען, איז ער געזעסן איינער אליין. מיטן גרויסן קאפ בלאנדע האר און די ברייטע פלייצעס האט ער פול געמאכט די ליידיקייט. און נאך מער האט עס געטון זיין טרויעריק־שטיל ניגונדל . . . ס'איז געווען די זעלבע שטילקייט אויף זיין פנים, געבויגן איבערן בויגן פאפיר פול מיט קורצע שורהלעך פונקט ווי ביים אוועקגיין, ווען ר'איז געזעסן מיטן אויסגעשטרעקטן קאפ און מיט די אויפגעריסענע צעגלאצטע בלויע אויגן.

. . . איך האב „פארשטאנען", אז דער רעדאקטאר האט אים מיר נישט פארגעשטעלט, ווייל ער האט שוין „מסתם" געוואוסט, אז אין דער צייט, ווען אלע לאזן זיך אין קאפעע אריין, נוצט דער פאעט בן־א סאכאטשעווסקי אויס די צייט פאר שרייבן זיין ליד — דאס ניגונדל איז עפעס, ווי א מין מוזישער סיגנאל דערפון . . א בת־קול . .

ס'איז די וועלט־שטאט לאנדאן . . . און „צייט איז מאני"! יעדע רגע מוז זיין אויסגערעכנט. ס'האט זיך מיר געפילפולט אין קאפ כל המיני פאעטישע חקירות. — כ'בין דאך ס'ערשטע מאל אין א יידישע רעדאקציע . . .

האב איך אים אויך נישט געוואלט שטערן! איך האב מיך שטיל גענומען ארויסרוקן, שוין געהאלטן די קליאמקע אין דער האנט אבער דא, אפנים, האט ער פונקט געענדיקט שרייבן זיין ליד און דאס פארבענקטע, טרויעריק־מוזישע אונטערברומען איז אויך ראפטום איבערגעריסן געווארן.

ער האט אויפגעהויבן דעם בלאנדן, צעשויבערטן קאפ, ברייט־פלייציק און הויך זיך אויפגעשטעלט — ווי פון יענער וועלט ער וואלט אראפגעפאלן. האט ער מיך אנגעקוקט מיט זיינע ליידיק־אויסגעגלאצטע אויגן —

איך, שטיין־בלייבנדיק מיט דער קליאמקע אין דער האנט, בין געכאפט געווארן ווי ביי א גניבה . . מיר האבן זיך ארומגעכאפט! ער מוז איצט תיכף לויפן נעמען א באריכט אויף א פארזאמלונג נאך פאר דער היינטיקער צייטונג.

געווען דא אמאל אנדערע צייטן!. . . איז דאך די ווייטשעפל־גאס דעמלט געווען דא א מין קיבוץ־גליות פון א טויזנט יידישע שטעטלעך — און פון די פענסטער דא צו דער גאס ארויס איז פון די סטראגאנעס און מארקטישלעך ארויפגעקומען אזא היימיש יידישלעך גערויש — „קול העם כקול ש די" — — —

ג

צוריק קומענדיק אין קאפעע אריין, איז דער עולם שוין נישט געווען. מיט ליסקין איז געזעסן א מענטש, וואס האט געכאפט דעם אנבליק פון חננען אין „דבוק": „דער מאלער אלווא!" כ'האב מיך מיט אים דערפריידט, שוין מחמת די פיינע בילדער אין דער נאציאנאל־גאלעריע . . . ארייַנגעשטעקט די האנט אין בוזעם־טאש ארויסצונעמען מיין ארטיקל איבער דער ענגלישער מאלעריי, ארויסגעקומען זיינען אבער די צוויי סאנעטן איבער

דער טעמזע, וואס האבן זיך אין די קומענדיקע 26 טאג, צעוואקסן אין די פופציק סאנעטן איבער לאנדאן — ארויס ווי מיין ערשט ביכל אין ווייטשעפל: „סאנעטן איבער לאנדאן", מיט צייכנונגען פון אלוואן — מיין וויזיט־קארטל אין ווייטשעפל, אזוי צו זאגן.

די דאזיקע אויסגאבע דעמלט, וואס איז ארויס אין צוויי הונדערט און פופציק עקזעמפליארן, מיט דער אונטערשריפט פונם מחבר, איז טאקע צוגעשיקט געווארן צו יחידי־סגולה פון יידיש־לייענער פון דער דערמאנטער יידישער „רידינג־רום" מיט די גרויסע שויפענסטער צו דער אפענער גאס.

ס'איז נאך דעמלט געווען גאר אנדערע צייטן אויף דעם יידישן ווייטשעפל — א היימיש וועלטל מיט יידישע לייענער און מיט יחידי־סגולה . . .

## ווען די קארן־פעלדער צייטיקן

נישט בחינם ביים פויער געארבעט
און ביי די גערטנער לאנגע יארן,
ביז געוואר איך בין דאס געווארן:
אונטער מיסט מוז מען קאנען ליגן,
אויפוואקסן וויגנדיקער קארן.

און דער בוים, א צעבליט־צעצווייגטער,
צייטיקע פירות אויסצוטראגן,
פון דער שער ר'מוז זיך לאזן פלאגן —
וויפיל צווייגן פון אים נישט שניידן,
שווייגן שווייגן און גארנישט זאגן.

און פונוואנען, מיינט איר, קומט דאס מיסט?
קארן און פרוכט מען טוט פארדייען!
— ס'איז נישט קיין שמעקעדיקער רעיון —
אבער אזוי איז עס דאס לעבן,
אן שער און סערפ נישטא צו קייען.

צי די גאנצע מעשה איז כדאי?
איך בין נישט אינגאנצן זיכער!
מ'גריבלט זיך אזוי לאנג אין ביכער,
ביז מ'פאלט אינם גריבל אריין,
אליין צו זיין מיסטיקער־סריחער.

„מיסטיקער" קאן האבן צוויי טייטשן,
אבער קליגער מ'קאן אלץ נישט ווערן!



איז טאקע בעסער אויפצוהערן,
ליגן שטיל און דאס זיסע געזאנג
פון די זאנגען זיך צוצוהערן —

נאך גוט וואס ביים פויער געארבעט
און ביי די גערטנער לאנגע יארן,
איז עס געבליבן אין זכרון:
דאס, וואס מ'לייגט אין דער ערד אריין,
דאס־א גייט קיינמאל נישט פארלארן.

יא, באשניטן צי נישט באשניטן — —
פארפוילט אבער מען ווערט אינגאנצן!
עס צייטיקן דערפון די פלאנצן,
ס'נערן זיך דערפון די משיחלעך,
און אלע קריכנדיקע וואנצן.

## אין די טעג פון בלעטער־פאל

1

אן דעם שורש,
דער בוים וויאזוי?
צוויט צעבליטער
אן טראפעלע טוי?

שוין פאלט בלעטעל
א פארוועלקטס אין וויאן — —
דאך פריש ס'צעצוויט,
אויב כוח נאר פאראן!

עס שטארקט די קעלט,
געזונט מאכט דער פראסט,
אויב לעבן ס'גלוסט
און ווילן דו האסט.

צוריק די שוואלב
קומט ווידער אהער,
און טל צעטריפט
איר צעצוויטשטע טרער.

2

נישט איין צווייגל

פון פיקהאלץ צעפיקט,
און מאל־ווארעם,
ער ארבעט געשיקט.

רייסט ער זיך דא,
דארט, און אומעטום,
צוריק ר׳גייט אויף,
אין־סוף, אן שום מום.

אונטערגעזעגט
דער שטארקסטער שטאם ווערט —
אבער כל־זמן
דער שורש אין דער ערד !

זיס־זאפטיק פלייש
באהיטן די קער,
און געאייביקט
ס׳גייט דער ווידערקער.

## ווען די פייגל פליען אוועק

ב

ווען די פייגל פליען אוועק,
טרויעריק ווערט דער הימל;
ווי מרה־שחוריק פארוויאנעט,
אויף דער ערד ס׳לעצטע בלימל.

אין הארץ ציטערט אויף גרוי די שרעק :
וועסט אויך אוועק, פארשווינדן,
מיט די ערשטע קאלטע נאסע,
צעוויינטע חשוון־ווינדן.

(די פייגל מיט פרישן ניגון,
פרייד־צעשוויטש צוריקקומען;
גליק־צעפאכעט זיי באגריסן,
די ערד מיט שענסטע בלומען.)

ווייל מיט מיר צוזאם אויף אייביק,
מיין ליד פארשוויגן ווערן,



איז ווילאנג איך לעב, מיין געזאנג,
זינגען כ׳טאר נישט אויפהערן.

פארוואונדעטער שוואלב, אויף א צווייג,
וואס ער קאן נישט מיטפליען,
פארבענקט נאכקוקן און ווי איך,
א לעצט געצוויטשט פארציען :

„א חתונה ! א חתונה !
פליען און קומען ווידער —
זע, מיט זייערע פליגל אויף
הימל זיי שרייבן לידער״.

## א סוף אלול־טאג

(צו מיין ווייטשעפל געטרנדל לכבוד ימים־נוראים)

א

פון איין זייט אן אן אויפהער די קארס,
פון צווייטער — רעש פון ווייטשעפל !
ס׳שאקלענדיקע געשעפטש דאצווישן,
א מנין ביימער ארומרינגלען,
צום זיבטן הימל ס׳טרעפל —.

ווי נאר מיטן פוס כ׳איבער טרעט עס,
אין מיין הארץ א פרייד נעמט זידן :
נישט די שכורים ארום איך זע,
כ׳זע ווי דעמלט ביי מיין אנקומען,
ווען געקאכט ס׳האט דא מיט יידן.

ס׳וואיענדיקע געוויאן דא אצינד,
פארשטומט קאר־ און מארק־געטימל !
אויב פאראנען ס׳איז זיבן הימלען,
זיינען די ארבע אמות דא־א,
די טרעפ צו אן אכטן הימל.

ווי מיין הארץ טויט־מיד נישט זיין פון
ארום אין מיין אייגן לעבן,
איך ברויך נאר אריינצוקומען דא — —
צומאל ס׳בלאט־געשטארך איצט — מלאכים
אין זיידנע טליתים ארומשוועבן.

## פאר ע. לזכרון

א

אז דו האסט גאנצע טעג געטראכט פון מיר,
געהאסט מיך צי גאר געטון מיך ליבן — —
דעם חילוק דערצווישן ווער קאן גאר וויסן ?
האב איך גאנצע טעג לידער געשריבן.

אצינדערט, אז דו ביסט נישטא שוין מער,
מוז איך גאנצע טעג פון טויט רק קלערן — —
אין ווען צוויי שורות מיר גראמען זיך קוים,
פארקלעקטע באלד זיי ווערן פון טרערן.

ב

. . . בלויז אייביקער פון ביידע,
דאס ווארט וואס לעבן בלייבט;
זע, אות געזיווגט מיט אות,
זיך באמאנט און באוויבט.

שטארקער פונם טויט דאס ווארט !
אין חלום כ׳האבס געזען — —
אין צוויי גראמען דיין פנים,
איינגערעמט ס׳איז געווען.

ג

. . . אז וואס אזוינס איז א גראם ?
ווארט צו ווארט זיך פארט — —
פונקט ווי צווישן צוויי מענטשן,
ס׳אייביקט זיווג־ווארט.

דאס טיפסטע, דאס דערפילסטע,
עס האלט זיי צוזאם,
ווי צוויי ווערטער לעבן אייף,
איינס צווייטן צום גראם.

## ו ו א ר י א צ י ע

איז ער שטיין געבליבן,
ביי לעצטער מחשבה — —
מיט פארשוויגענעם ווארט,
נישט צו אנטציפערן.



קוקט א קאלטקייט פון בליק,
א מין שטילקייט ארויס;
נישט מפרש צו זיין
און נישט צו פארטייטשן.

שפאנט ער א געשפאנטער
אן וועג שוין און אן שרעק;
נאר אין יעדן שטערן
אותיות נאך ער זעט.

די נקודות, דער טראפ,
צערונען אויף זיין באק;
און קיין ווערטער נישט מער
צוזאמען צו שטעלן.

אין די אויגן זיינע,
גרויס אויפגעריסענע,
א פחד צו קוקן,
אלץ אין זיי פארשריבן.

נ. מ. סידא

## „א שאטן טראגט מיין קרוין״

— חסידס בוך לידער —

עס איז נישט נאר שווער, עס איז כמעט אוממעגלעך אריינצופארן אין די גרעניצן פון א צאל שמאלע שורות אין געציילטע ווערטער א פולע און גערעכטע אפשאצונג פון מ. חסידס בוך לידער, „א שאטן טראגט מיין קרוין״, ווייל דער צער, מיט וועלכן די לידער זענען אנגעזאפט, איז אומענדלעך; ווייל די געפילן זענען צו טיף, די געדאנקען צו גרויס און די פארם צו רייך. און אחוץ אלעמען איז די שפראך אזוי סור־רעאליסטיש, אז עס איז אוממעגלעך אנצוכאפן א ווארט, עס אפצושטעלן און אנרירן.

מ׳פילט, אז יעדעס ווארט בליטיקט און מ׳האט מורא עס וויי צו טון.

נאר איך מוז מיך דא אפשטעלן כאטש אויף מ. חסידס שפראך.

אן איבערגעגעבענער יידישיסט וועט שטענדיק רעדן וועגן דער רייכקייט פון דער יידישער שפראך, נאר בלויז אן אמתער דיכטער קען באמת ווייזן די אוצרות פון בילד און טאן אין דער שפראך. איך האב קיינמאל נישט געוואוסט, אין יעדעס ווארט אין אונזער שפראך איז ווי א שטראל פון ליכט, וואס כאשט עס זעט אויס ווייס, איז ווען עס שלאגט זיך אפ אין א

פעסטער אידעע צעשפאלט עס זיך אויף אלע קאלירן אין דער וועלט.

ווי רייך, ווי שיין, ווי שטאלץ און ווי קאפריזנע יעדעס ווארט איז!...
ווי א „קאפריציא" אויף דער פידל פון א ווירטואז. אט פליט עס ווי א פויגל, אט שפרינגט עס ווי א קינד, אט וואויוועט עס, און אט וויינט עס. אט לעבט עס און עס אטעמט; און אט שטארבט עס אין א פארצווייפלטן גסיסה־קאמף.

דאס לעבן און דער טויט זענען אין די הענט פון ווארט און דאס יידישע ווארט זאגט וואס קיין שום שפראך אויף דער וועלט קען נישט זאגן.

מ. חסידס בוך, „א שאטן טראגט מיין קרוין", איז אחוץ אלעמען אן „אפאטעאז" פון יידיש.

דא איז א קירצער אויסצוג פון א לאנגן ליד: מיט נאמען ווו האסטו?...

העט ערגעץ ווייט גייט זיך
א מענטש
און גייט.
אזוי געגאנגען איז,
אוודאי,
איינמאל
קין
און לויפן לויפט אים נאך
זיין ווייב —
זי טראגט צוויי עופעלעך
אויף ביידע הענט
און בייגט זיך איין,
פאר אים,
אין דרייען.

ווו האסטו אייבערשטער
א שענק אזא
איך זאל דערטרענקען דארט
מיין אומעט
און זאלסט מיך לאזן
שיכורע לוט
פארבלייבן
אט־אזוי,
אויף תמיד.





## — נעט רובין׳ס 75׳סטער יובל —

ביי אונזער גרויסן יידישן שרייבער, י. ל. פרץ, איז דא א בארימטע דערציילונג „באנטשע־שווייג". דער סיפור־המעשה איז א פשוטער, דער הארעפאשניק, באנטשע־שווייג, ארבעט זיין גאנץ לעבן שווער און ביטער. — ווי עס איז געווען אין די אמאליקע צייטן, פאר אזא נידעריקן לוין, וואס פרץ איז דערמיט אויסן, איז א גאר אנדערער. א סאציאליסטישער, דאס מיינט ער דערמיט, אז גראד דעם ארבעטער וועלכער בויט און שאפט, געהער אים אלדעס־גוטס פון דער וועלט...

דאס איז דא בלויז א משל־הנמשל, פאר אונזער פינף און זיבעציק־יאריקן בעל־יובל, נעט רובין, וועלכער איז אן ארבעטער זיין גאנץ לעבן, אבער ער איז גראד פון די יעניקע וועלכע האלטן דערפון, אז „לא על הלחם בלבדו", דאס מיינט, נישט אויף ברויט אליין באשטייט די וועלט, עס איז נאך דא א גייסטיק לעבן אויך.

לויט ווי עס איז אונז באקאנט, איז נעט רובין, נאך פון זיינע פריער־דיקע, גאר יונגע יארן, געווען אקטיוו אויף דעם געביט פון יידישן טעאטער, און לויט ווי מיר קאנען אים, פון זייט זיינע מיטעלסטע יארן ביז יעצט, האט ער פיל צייט און מי געווידמעט פאר דעם, יידיש־ליטעראַרישן לעבעדיקן ווארט, ביי די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס", אנגעפירט פון א. נ. שטענצל, דורך לייענען, רעציטירן פון אונזערע יידישע קלאסיקער, מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם, און אנדערע, ביז די לעצטע שרייבער, און באזונדערס אויך פון אונזערע לאנדאנער יידישע שרייבער, אזוי גייט ער אן, עד היום הזה:

ער טוט עס מיט אזא אמונה. פונקט ווי אן אמאליקער פרומער ייד וואס איז געגאנגען דאווענען נאר אין דער שול, גענוי אזוי קומט נעט רובין. יעדער וואך צו די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס". ער געט אפ אסך צייט און מי. דאס ארויסצוברענגען אויפן בעסטן אופן פאר אן עולם, וואס קאן דער יידישע ליטעראטור.

אזוי גייט ער אן שטיל בנעימות. שוין צענדליקער יארן מיט דעם. ער האט צו קיינעם קיין טענות, קיין פרעטענסיעס, נאכדעם גייט ער שטיל אהיים, שוין א צופרידענער, וואס ער האט זיין חוב געטאן...

פרץ׳ס „באנטשע־שווייג" האט באקומען, זאל זיין, שלעכט באצאלט פאר זיין ארבעט, דער באנטשע, נעט רובין פארלאנגט דאס אויך ניט...

פאר אונז אבער איז נאך וויכטיק דא צו באטאנען, אז אזעלכע „באנטשע־שווייג׳ס", וועלכע העלפן, און זענען זיך מוסר־נפש, פאר אויפהאלטן די יידישע ליטעראטור און קולטור, זענען פאראנען נאך אסך אין דער יידישער וועלט, לײדער איז אונזער ישוב אין לאנדאן און אין ענגלאנד בכלל, אויף דעם געביט זער צוריקגעשטאנען, אונזערע „פני" זארגן שוין דערפאר, ווייל

ייִדיש איז ביי זיי פסול . . .

דערפאר ווילן מיר פארזיכערן אונזער בעל־יובל נעט רובין, אז מיר קאנען זיך דארויף אין וויסן אפצושאצן זיין ווערטפולע ארבעט, פאר דער יידישער ליטעראטור און קולטור, און מיר ווינטשן אים, מזל און ברכה אויף אין זיין פאמיליע לעבן, און ווייטער אנגיין מיט זיין הייליקער ארבעט אויף דעם געביט : עד מאה ועשרים !

עלזא לאסקער־שילער

## הבל

(פון דייטש : שמעון ווזעק)

קינס אויגן זענען ג אט ניט געווען געפעלן,
הבלס פנים איז א גאלדענער גארטן,
הבלס אויגן — נאכטיגאלן.

אזוי העל זינגט הבל תמיד זיין
נשמהס פסאלמען,
אבער דורך קינס געביין
בלאזן ווינטן פון בית־עלמין.

און ער וועט שלאגן זיין ברודער טויט —
הבל, הבל, דיין בלוט באפארבט דעם הימל רויט.

ווו איז קין, איך וויל אים יאגן :
— האסטו אין דיין ברודערס פנים
די זיסע פייגל דערשלאגן ?

לואיס סאודן

## רחוב יפו

לזכר אלוואן

א שטאכל אויף א באריקאדע,
קינדערס געלעכטער אין דער זון,
און איבער קרומען געסל מענטש מיט א משא;
אט דארט א שפערל ביים פענסטער פון פינאנץ־אמט,
און ג אט גייט בעטלען אויף רחוב יפו.



יינגל מיט טרומייט רופט דערמערונג אין מיין אויער אריין,
ביים קאזעמאט אין א הויף
זינגט א זינגער אויס זיין שיר,
„איין וועג קיין ציון, דער צווייטער צו יאוש“.
און ג אט גייט בעטלען אויף רחוב יפו.

אין הייזער געדרענגטע
צינדט מען איצט ליכט
אנצומערקן יצירה פון כאאס און טוי.
איז עס סוף צי בראשית ? — און אויב סוף,
פאראן דען א שאנס, אז בורא וועט אנהייבן פון ס'ניי ?

א שטיין אויף א שטיין,
און די קופע יארן איבער אלעם,
וואו אברהמס האנט דערגרייכט צום מוריה.
א שמירה־עפענונג אויף זיין טורעם גריסט הוויה אויף וואנט,
און ג אט גייט בעטלען אויף רחוב יפו.

א ליכטל אויף שפיץ בארג,
כלי־זיין אן אפגלאנץ,
און אויגן אין חשכה שרעקן זיך איינס פארן אנדערן,
ערגעץ־וואו א קינד שלוכצט „מאמע !“ אין דער נאכט,
און ג אט גייט אלץ בעטלען אויף רחוב יפו.

זאמד־זעק ביים אריינגאנג
צום נעכטיקן שפיל־פלאץ,
אונטערצושפארן אומאנטשידענע פארטיעס בשעת רקיעים זיך גליטשן
און הר־סיני'ס יסודות ציטערן איצט ווידער
ביי משהס פוסטריט אויף דער זייט פונם בארג.

ווידער גורט מען אן מיט אייזן
די שפיץ־בערג פון יהודה;
געזעגן האב איך זעלביקע בערג שפרינגען אין פרילינג !
וואס פאר א שניט דערווארט זיי אין אויגוסט ?
וואס פאר א פסאלם פאר משורר צו זינגען ?

אפשר וועט שפערל האבן צו עסן,
און הייזער וועלן שטיין
קעגן פייער און מבול און בריענדיקן רעגן.



משה רבינו אלוואַ

איף מארק פארקויפט מען איצט האניק נייעם און בשמים
ווי משה וואלט פאררואכטן די לוחות אויפסניי.

פאראן אפשר א שבת אין בין־השמשות



און א שלום אינם געסל,
וואו געלעכטער וועט קלינגען פאר מענטשן מיט דער משא.
נישט מער וועט קינד ווייטער שוין שלוכצן,
נישט מער בעטלער ווינען אומזיסט,
בשעת ג־אט גייט בעטלען אויף רחוב יפו.

יידיש : א אלמוג

דויד בערמאן

## שלום אויף דער וועלט

יא, איך ליב די שיינע זאכן,
פויגל־געזאנג, פון נאטור דאס לאכן,
פעלדער אין פרילינג פרעכטיק ווי שיין
צווישן ביימער און בלומען דעמאלט צו זיין.

זון איבער וועלט און הימל ווי קלאר,
צניעותדיקע מיידלעך מיט זיידענע האר,
נאר מערער ווי אלץ ליב איך דעם שלום —
וועלט אן שלום איז שלעכטער חלום!

יא, איך ליב די זאכן די שיינע,
זינגער און מוזיק, לויטער און ריינע,
א בשורה א גוטע פאר מיר און פאר אלע,
ששון ושמחה, קול חתן און קול כלה.

געלעכטער פון קינדער און ווי זיי זיך שפילן
און גרייז־גרויע מענטשן, מיט זייערע געפילן,
נאך מערער פון אלץ די בשורה פון פרידן
פאר פעלקער און ראסן און מענטשן דעם מידן!

יוסף פרענקעל

## ד״ר אהרן שטיינבערג ז״ל

אהרן שטיינבערג איז געשטארבן דעם 17־טן אויגוסט, 1975 אין לאנדאן
אין עלטער פון 85 יאר.

אלס גרינדער און דירעקטאר פון דעם קולטור־אפטייל פון דעם יידישן וועלט־קאנגרעס האט ד״ר שטיינבערג געלייגט די גרונדלאגע פאר קולטורעלע

טעטיקייט און זיין פילאזאפיע וועגן יידישע קולטור איז אנגענומען געווארן פון רעליגיעזע פארטייען און פון פארשידענע ארגאניזאציעס, וואס באשעפ־טיקן זיך מיט דערציאונג.

אהרן שטיינבערג שטאמט פון אן אלטער מיוחסדיקער פאמיליע, וועמענס נעמען זיינען דערמאנט אין דער געשיכטע פון יידן און אין דער ליטעראטור. פון אט דער משפחה שטאמען תלמידי חכמים, העברעאישע געלערנטע, ווילנער משכילים און יידישע שריפטשטעלערס. עס איז א קייט, וואס ציט זיך פון רש״י ביז בעל־מחשבות (דר. עליאשאוו), און איז פארטגעזעצט געווארן פון די שטיינבערגס. דער פאטער זיינער אליין האט געשטאמט פון ווילנע. אין יאר 1910 האט א דעלעגאציע פון מאסקווער באלעבאטים אים באזוכט און אנגעבאטן אים די כסא־הרבנות פון מאסקווע, אבער ער האט די שטעלע נישט אנגענומען, נישט וועלנדיק מאכן פון דער תורה א פרנסה פאר זיך.

אהרן שטיינבערג איז געבוירן געווארן אין דווינסק אין יאר 1891 און ער און זיין ברודער, דער באוווסטער פובליציסט און גרינדער פון דער „פריילאנד ליגע", יצחק נחמן, האבן באזוכט א גימנאזיע אין פערנאוו, ווייל דארטן האבן זיי געהאט די מעגלעכקייט אפצוהיטן יידישקייט בעתן שטודירן. איז עס דאך געווען זייער פאטערס כסדרדיקע זארג, אז זיינע קינדער זאלן בלייבן רעליגיעז. צו דער וועלטלעכער דערציונג האט ער זיי אויך געלאזט לערנען א מלאכה, כדי זיי זאלן נישט זיין אפהענגיק צו פארדינען פון דער תורה. דער גרויסער תלמודיסט זלמן ברוך ראבינקאוו האט באגלייט די קינ־דער קיין פערנאוו, כדי אהרן און יצחק נחמן זאלן דארטן ווייטער שטודירן די תלמודישע און העברעאישע לימודים.

אין יאר 1907 איז אהרן שטיינבער אריבער קיין דייטשלאנד און באלד אויף דער היידלבערגער אוניווערסיטעט, ווו ער האט שטודירט פילאזאפיע, געשיכטע און יוריספרודענץ. אויך אהין האט אים באגלייט זלמן ברוך ראבינ־קאוו, וועלכער האט געזאמלט ארום זיך א צאל יידישע סטודענטן און גע־זוכט זיי אריינצופירן אין תלמודישע וויסן. א סך פון זיינע שילער, צווישן זיי נחום גאלדמאן און אנדערע, זיינען שפעטער געווארן אנגעזעענע פירערס אין דער ציוניסטישער באוועגונג, אין דייטשע קהילות און אין ארץ ישראל.

עס איז כדאי צו דערמאנען, פארוואס אהרן שטיינבערג איז אוועק קיין היידלבערג. זיין פאטער האט געהאט „ווינרעכט" אין מאסקווע, אבער לויט דעם אלט־רוסישן געזעץ האבן קינדער געקענט בלייַבן אין מאסקווע כל־זמן זיי זיינען געווען מינדעריעריק און טעכטער — בלויז ביז צו זייער חתונה. אן אייגן „ווינרעכט" האט מען זיך געקענט דערווערבן אדער דורך ענדיקן א רוסישע הויכשול אדער דורך ספעציעלער אוניווערסיטעט־בילדונג אין אויסלאנד. דערפאר האט דער יונגער שטיינבערג פארבראכט די צייט צווישן רוסלאנד און דייטשלאנד.

באלד זיינען דערשינען שטיינבערגס ארבעטן איבער שטרעמונגען





דר. שטיינבערג און דר. ראטה פאטאגראפיע

אין דער קונסט־פילאזאפיע אין דעם זשורנאל „רוסקאיא מיסל" און איבער אינטערנאציאנאלן רעכט אין דער רוסישער צייַטשריפט פונעם יוסטיץ־מיניסטעריום, וועלכע מען האט געלייענט מיט א סך אויפמערקזאמקייט.

זיין ערשטער ייִדישער ארטיקל וועגן הערש דוד נאמבערג איז פאר־עפנטלעכט געווארן אין חיים זשיטלאווסקיס זשורנאל „דאס נייע לעבן" אין ניו יארק אין 1910. זיינע עסייען ווערן ציטירט און מיט פיר יאר צוריק האבן זשורנאליסטן דערמאנט זיין ארבעט וועגן נאמבערג.

בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ד״ר אהרן שטיינבערג צוזאמען מיט אנדערע געווען אינטערנירט אין א דייטש דארף, ווו זיי האבן גענאסן פון געוויסע פרייהייטן. אזוי איז דארט אנשטאנען א צענטער פאר פאר־שונג און וויסנשאפט. רעגלמעסיק האט אהרן שטיינבערג געהאלטן פאר־לעזונגען איבער יידישע געשיכטע און איבער די ווערטן, וואס דער יידישער גייסט האט זייט דורות געשאפן. זיינע פארטראגן האבן צוגעצויגן א גרויסע צאל מענטשן און האבן ארויסגערופן גרויס אינטערעס.

זיין ברודער, יצחק נחמן, איז געווארן נאך דער אקטאבער רעוואלוציע פאלקס־קאמיסאר פאר יוסטיץ. ער האט געשטרעבט נאך גערעכטיקייט און איז געווען קעגן אינטערדריקונג. ער האט געהאלפן ראטעווען מענטשן. נאך זיין קאנפליקט מיט די באלשעוויקעס האט ער רעזיגנירט אין מערץ 1918 און איז אוועק קיין אויסלאנד.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אהרן שטיינבערג געווען איינער פון די גרינדער פון אן אנשטאלט פאר יידישער וויסנשאפט אין פעטערסבורג (לענינגראד), ווו די גייסטיקע פארטרעטער פונעם יידישן יידנטום, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען דובנאוו, ברוצקוס, מארקאן, קולישער און אנדערע, האבן זיך קאנצענטרירט, מיטן צוועק צו שאפן נייע קולטור־ווערטן. דא אין אויף דער פעטערסבורגער אוניווערזיטעט האט ד״ר שטיינבערג געהאלטן פארלעזונגען איבער דער געשיכטע פון יידישער פילאזאפיע.

נאך מיט א צייט פריער איז ענטשטאנען א פריינטשאפט צווישן דובנאוו און אהרן שטיינבערג, וועלכע האט דערפירט צו זייער צוזאמענארבעט. רוסלאנד אבער, איז שוין מער נישט געווען דאס אידעאלע לאנד, ווו יידישע וויסנשאפטלערס האבן זיך געקענט פריי אפגעבן מיט זייער פארשן. אזוי ארום האט דובנאוו פארלאזט רוסלאנד און זיין פריינט שטיינבערג האט אים אפגעראטעוועט זיין ווערטפולע ביבליאטעק, נאכשיקנדיק אים זי קיין בערלין. אויך אנדערע זיינען אוועק, און צווישן זיי, אין דעצעמבער 1922 איז געווען ד״ר אהרן שטיינבערג.

אין בערלין האט מען באלד געמערקט די נייע גייסטיקע קראפט. ער איז געווארן א מיטגרינדער פון דער „געזעלשאפט פאר יידישער וויסנשאפט״. אויך פונעם ייוו״א, האט פארעפנטלעכט א בוך איבער דאסטאיעווסקיס „פילאזאפיע פון פרייהייט״ און געווען מיטרעדאקטאר פון דער יידישער „אלגעמיינער ענציקלאפעדיע״, וואס האט מיט יארן שפעטער געפונען איר המשך אויף דער ענגלישער שפראך, אונטער דעם נאמען „דזשואיש פיפל—פאסט ענד פרעזענט״.

א דאנק זשאבאטינסקין איז ביאליק געווארן פאפולער אין רוסלאנד. פונקט אזוי איז דובנאוו געווארן באקאנט אין דייטש־ריידנדיקע לענדער דורך אהרן שטיינבערג, וועלכער האט איבערזעצט פון רוסיש אויף דייטש זיין, דובנאווס, צען־בענדיקע „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאלק״. מען זאגט, אז זשאבאטינסקיס איבערזעצונג פון ביאליקס שירים אויף רוסיש איז געווען א מייסטערווערק און גענוי אזוי איז אויך די פארדינסטפולע איבערזעצונג אין א קלאסיש דייטש פון שטיינבערג. אט דאס דאזיקע ווערק ווערט נאך ביז איצט פיל געלייענט און שטודירט פון יידן און ניט־יידן אין דער וועלט. אהרן שטיינבערג איז אויך דער מחבר — אין צוזאמענארבעט מיט דובנאוון — פון א געשיכטע פונעם יידישן פאלק, אין דריי בענד, וואס איז דערשינען מיט אן ערך פערציק יאר צוריק. דאס דאזיקע ווערק איז א רייכער מקור פון יידישע קענטעניש, פון יידישן גייסט און איז אן אוצר פון יידיש־קולטור־



שאפן. צו דער זעלביקער צייט איז ער אויך דער מחבר פון א גרויסער צאל וויכטיקע ארבעטן איבער היסטאריאגראפיע און פילאזאפיע פון דער יידישער געשיכטע אין א ריי יידישע און העברעאישע צייטשריפטן.

צום הונדערט־יאריקן געבוירנטאר פון דובנאוון (1860) האט שטיינבערג רעדיגירט א בוך צום אנדענק פון „שמעון דובנאוו: דער מענטש און זיין ווערק״, וואס איז דערשינען אין פאריז אין 1963. שטיינבערג האט געשריבן אין יידיש, העברעאיש, רוסיש, ענגליש, דייטש און אין פראנצעזיש. ער איז אויך געווען ערן־פרעזידענט פון פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און ליטעראטן אין ענגלאנד איבער צוואנציק יאר.

א סך פון די באדייטנדיקסטע געשיכט־שרייבערס ווי דובנאוו, קאסטיין, שיפער, באלאבאן, פלעג און אנדערע זיינען געווען אנהענגער פון א יידישן וועלט־קאנגרעס. אויך שריפטשטעלער פון היסטארישע ראמאנען און דראמען ווי אש, פייכטוואנגער, ווערפל. אזוי איז אויך געווען דער פאל מיט ד״ר שטיינבערג, וועלכער איז געווען דער גרינדער און דירעקטאר פום קולטור־אפטייל פונעם יידישן וועלט־קאנגרעס. ער איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט אלע לענדער, ווו עס האט עקזיסטירט א פונק פון יידישן גייסט און ווו עס האט געהערשט א בענקשאפט נאך יידישקייט, כדי צו העלפן, צו באגייסטערן, צו בויען און באפעסטיקן.

אין זיין טעטיקייט האט ער געשטרעבט, אז אין דער נישט־יידישער וועלט זאל פארברייטערט ווערן אביעקטיווע קענטעניש און קלארקייט איבער־אונזערע עיקרדיקע אמתן. טעקסטביכער פון כמעט אלע פעלקער האט מען אונטערזוכט אונטער זיין לייטונג מיטן צוועק צו באזייטיקן די דאזיקע פעלשונגען קעגן יידן.

ד״ר אהרן שטיינבערג האט פארטרעטן דעם יידישן וועלט־קאנגרעס ביי אונעסקא און ביי אנדערע אינטערנאציאנאלע קאנפערענצן. ער האט ביי אונז דערוועקט די האפנונג, אז פאראורטייל קעגן יידן וועט אויסגעמעקט ווערן פון די אומצאליקע סעקסביכער, וואס — צום באדויערן — פארגיפטן זיי נאך אלץ די נשמות פון מיליאנען קינדער. דער בעסטער כלי־זין פאר יידן איז דער אמת און די אביעקטיווע קענטעניש פון דער נישט־געפעלשטער געשיכטע פון אונזער פאלק.

ד״ר אהרן שטיינבערג איז אפטמאל געווארן אוועקגעריסן פון זיין שרייבטיש, כדי צו באזוכן יידישע צענטערן, ווו ער האט געזוכט צו שאפן בריקן צווישן דעם עבר און דעם עתיד, צווישן העברעאיש און יידיש, צווישן אלטע און נייע ווערטן. ער איז אויפגעטרעטן אין פארזאמלונגען קאנפערענצן און קאנגרעסן און עס איז תמיד געווען א פארגעניגן צו הערן אים רעדן. זיינע רעדעס זיינען געווען רייך אין אינהאלט און האבן געווירקט דערמוטיקנדיק. יידיש איז פאר אים געווען די יונגערע שוועסטער פון העברעאיש, ער האט געשעצט יעטוועדע טעטיקייט און סטימולירט צו נייער ארבעט, אומאפהענגיק אויף וואס פאר א שפראך די ארבעט זאל ניט געפירט ווערן. אפט

האט ער דאס געטון מיט זיינע נסיעות, נישט בלויז אין אייראפּע, נאר אויך אין צפון־אפריקע, און אין דרום־אמעריקע, וווּ ער האט געוואלט שטעלן אין באוועג אלע פרישע כחות פאר גייסטיקער, נאציאנאלער אחדות פון יידישן פאלק.

אייב מען וואלט געמאכט א אויפשטעלונג פון די לאנדאנער גייסטיקע אריסטאקראטן, וואלט מען קודם כל געמוזט ארייננרעכענען דעם נאמען ד״ר אהרן שטיינבערג. הגם קיין פאליטיקער, נישט קיין פּארטיי־מאן, איז ער אבער געווען א קולטור־טרעגער און א גייסטיקער מנהיג. עס איז נישט געווען קיין חילוק, ווי ער האט זיך אויפגעהאלטן, צי אין היידעלבערג, פּע־טערסבורג, מאסקווע, בערלין אדער לאנדאן אומעטום איז דורך אים און ארום אים אנטשטאנען א צענטער פאר קולטור־ארבעט. אין זיינע באציאונ־גען מיט מענטשן איז ער געווען תמיד פארנעם באשיידן און פשוט. איבער־צייגנדיק מיט זיינע רייד, האט ער געהאט די וווּנדערלעכע באגאבונג צו אינספּירירן זיינע מיטארבעטער און צוהערערס און אנצורעגן צו נייע מעשים. א סך יידישע פאליטיקער זיינען פון אים באאיינפלוסט געווארן און אלס פּועל יוצא דערפון, געזוכט צו פאראייניקן קולטור מיט דער פאליטיק, ווייל פאליטיק אן א פארשטענדעניש פאר קולטור איז ווי אן ארבעט צו דערהאלטן א גוף אן א נשמה און אן א גייסט. שטיינבערגס הויפּטארבעט האט באשטאנען צו באררייכערן דאס יידיש־קולטורעלע לעבן.

## א שטעקעל ארײַן א שטעקעל ארויס

א

בעסער א בייזער שלום,
ווי א גוטן זיג געווינען;
בעסער היילן די וווּנדן,
ווי פון פרישע בלוט זאל רינען.

ב

אמת, ר׳איז נישט ווערט די טינט דער שלום,
פון פאליטיקאנטן אונטערגעשריבן — —
אבער וואס גרעסער א מלחמה־זיג,
אלץ מער טויטע אין קריג צונויפגעקליבן.

ג

פאר א פריש צו באקומען — —
פאר א פריש קריג צו באקומען — —
אבער א מעגלעכקייט דאך פאראן,
אז דערווייל קאן משיח דאך קומען.

ד

און גלויבט מען נישט מער



אין משיח׳ס צייטן,
מוז מען טאקע רק,
קריגס־כלים צוגרייטן.

ה

ביז דאס אייזעלע,
וועט דערקריכן מיט משיחן,
קענען די אויגן,
פון די לעכער ארויסקריכן.

ו

האבן מיר נישט דערגרייכט די לבנה ?
ווען מיר דערגרייכן די אין סופן !
האט גאט דעם אמת צו ד׳רערד געשליידערט,
דערגייען מיר צו אים מיט בלאפן.

ז

זע ס׳איז דער מענטש מיט לוציפער־ציפערן,
מאטעמאטיש, די אטאם־באמבע דערגאנגען,
און מיר מיט גמטריאות משיח׳ן,
אקייגנגעגאנגען מיט תהילים־געזאנגען —

ח

„ותחסרהו מעט מאלוקים״ — — ◦
אבער ווייל אויך דאס ביסעלע צו דערגרייכן,
מיט אלע כוחות ס׳טראכט רק דער מענטש,
אלץ טיפער ער פאלט פון אלע הייכן.

ט

„זיין אדער נישט זיין דאס איז די פראגע״!
די פראגע איז בלויז : אין וועלכער לאגע
איז עס טאקע בילעכער צו זיין — —
דאס וועט מען שוין קיינמאל נישט דערגיין.

י

וואס איז דאס אזוינס אן אפאריזם ?
אז מ׳קאן נישט דערגיין מיטן גלייכן שכל,
ווייל מען פארשטיין, חכמהדיק דערגיין,
מיט א קרום־שארפן, מיט א שפּיציקן שמייכל.

יא

אייב „הכסף יענה את הכל״ —
פון דער גאנצער חכמה, דאס לעצטע;
איז טאקע קיין חדוש נישט, וואס
ס׳פארפערצטע פנים איז ס׳געשעצטע.

יב

וועז מ׳קאן שוין נישט אויסהאלטן,
שרייבט זיך דעמלט א ליד — —
שרייב איך כסדר לידער —
בסדר! כ׳בין דאך א ייד.




מעינקע קאץ

## ערשטער אמת

וואס איז פשוטער פון אמת? וואס איז טיפער פון א סוד?
ווער האט דעם מענטש פון ערשטן טרויער דערציילט?

וואס פשוטער דער אמת, אלץ טיפער דער סוד,
פון ערשטן טרויער האט דערציילט דער ווינט — די ערשטע פלייט.

ווער ס׳האט צום ערשטן מאל דערזען די זון — די ערשטע יאד,
האט דערזען דעם פשוטסטן אמת, דעם טיפסטן סוד.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

10-12 441-43 36׳סטער יארגאנג אקט.-דעצעמ. 1975 לאנדאן

אינהאלט

לכבוד חנוכה תשל״ו, האזארד־שפיל 1975 ........ *** 2
מוסף מיט חסידים אין לענינגראד. ........ שמואל גאלדשמידט 12
אני מאמין, לבן־האגדה (לידער) ........ שאול טשערניכאווסקי 16
משה און האמאר (סאנעט) ........ מאיר גערטנער 18
באמערקונגען צו די דריי לידער. ........ מאיר גערטנער 18
4 מיניאטורן ........ שיע טענענבוים 20
„ספעשעל קעטערינג״ — כשר עסן. ........ לארד עדווין סאמועל 21
מיין ערשט געדריקט ביכעלע אין ווייטשעפל, אין די לעצטע
זומער טעג ........ א. נ. שטענצל 30
„סיניאר סיטיסנס״ אין דער גאלדענע מדינה אמעריקע. סעם גאלדבערג 42
יוסף גרינבערג ע״ה ........ אייזיק גאלדבערג 45
נייע ארכעאלאגישע אויסגראבונגען פון די חשמונאים־צייטן
........ עקב עדלשטיין 46
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס. ........ ש. 49
ראזענבערגס יאר ........ יוסף לעפטוויטש 53

יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראיו, א.1.
רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*